א. ס'איז דאך ידוע דער כלל, אז פותחין - איז "פותחין בברכה", און דאס איז (ווי אלע ענינים) אויך אנגעוויזן אין תורה,

- וואס תורה איז מלשון הוראה (זהר ח"ג נג,ב. גור ארי' (למהר"ל) בתחלת בראשית בשם הרד"ק), און תורה איז דאך א נצחית, איז דערפון פארשטאנדיק, אז וויבאלד אז תורה ווערט לנצח (אלעמאל) אנגערופן בשם תורה, איז בכל מקום ובכל זמן זיינען די ענינים אין תורה א הוראה אויף דעם מקום און אויף דעם זמן -

וואס תורה הויבט זיך אן מיטן ווארט בראשית און מיטן אות בי"ת. איז דאך מפרש אויף דעדויף תורה שבע"פ (וואס זי איז דאך מבאר און ברייגנגט ארויס קלאר די ענינים וואס שטייען אין תורה שבכתב ברמז) אז דאס וואס העולם נברא בב', ובמילא, וויבאלד אז דער עיקר מציאות העולם איז דאך תורה, הויבט זיך תורה אויך אן מיט א ב', איז דאס דערפאר וואס ב' איז א ר"ת ברכה (ירושלמי חגיגה פ"ב ה"א), ד.ה. אז תורה איז אויך פותח בברכה,

דערפון קומט ארויס א הוראה בכל מקום ובכל זמן, אז בשעת מ'דארף עפענען צי אנהויבן א זאך, הויבט מען דאס אן מיט א ענין של ברכה.

נאך א ענין וואס תורה שבע"פ איז אין דערויף נאך מער מסביר, נאר דאס קומט שוין ארויס אין מער רמז, איז דאס וואס עס שטייט אין מדרש (בראשית רבה ג,א) עה"פ "ויאמר אלקים יהי אור" הה"ד "פתח דבריך יאיר", אז דער"פתח דבריך" (של הקב"ה) איז אין אן אופן פון "יאיר",

ובמילא איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו אלע ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט ג-טליכקייט, וואס אויף יעדער איד זאגט מען דאך אז ער איז א "גוי <u>קדוש</u>", און ס'איז ניט מספיק א קדושה בעלמא אדער א קדושה ע"ד המיצוע (מיטלמעסיגען וועג), נאר תורה איז מבאר און זאגט דעם פסק דין "קדושים תהיו", און דער טעם אויף דערויף שטייט דאך גלייך - "כי קדוש אני",

איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז די קדושה פון א אידן דארף זיין אין אן אופן אז ער טוט אלץ וואס הייגנגט אפ אן איס, אז דאס זאל זיין פאכאזשע און ענליך און נאנט צו דעם אופן פון "קדוש אני". ס'איז ניט מספיק קדושה ע"ד המיצוע, נאר קדושה בתכלית השלימות וואס ער קאן דערגרייכן באותו מקום ובאותו רגע,

וואס דערפאר איז דאס וואס מ'זאגט בנוגע צו דעם "פתח דבריך" פון דעם אויבערשטן, דארף אויך זיין בהנוגע צו גוי קדוש, צו יעדערן וואס געהערט צום אידישן פאלק, וואס יעדערער פון זיי איז "אנשי קודש תהיון לי", וואס דאס איז דאך אי <u>א</u> ציווי אי <u>א</u> לשון הבטחה,

און ווי ער ברייגנגט אראפ אין מדרש, אז דער ערשטער דיבור וואס מ'געפינט אין תורה (וואס דאס איז דאך "פתח דבריך") איז דאס "יאיר" - דער מאמר פון "יהי אור".

לכאורה למנפ"מ אז אזוי האט געטאן דער אויבערשטער? נאר כאמור, אז דאס איז א הוראה ווי אזוי עס דארפן טאן אט די

- אויף -

אויף וועלכע מ׳זאגט "לדבקה בו", וואס אויף יעדער איד זאגט מען "מה הוא כו׳ אף אתה כו׳", דארף זיך יעדער איד אויך אזוי פירן, אז מ׳הויבט אן מיט א ברכה און צוזאמען דערמיט דארף אויך זיין א ענין פון "יאיר", מ׳דארף ליכטיק מאכן א ענין וואס אזוי קאן דאס זיין בספק, אדער אז מ׳זאל ניט וויסן וואס דער ענין איז,

אין דערויף גייט אריין נאך א נקודה: וויבאלד אז ער מאכט ליכטיק, איז פארשטאנדיק אז ער אליין ווייס יע דעם ענין, איז צוליב וואס מאכט ער דאס ליכטיק? נאר גלייך בהתחלה הויבט ער אויך אן זיך משתדל זיין אויף טאן א טובה און מאכן ליכטיק א צווייטן, וואס ביי אים איז א ספק אדער ער ווייס ניט וואס די זאך איז,

בדוגמא ווי ס׳איז געווען ביים אויבערשטן ווען ער האט געזאגט "יהי אור", וואס בנוגע צו דעם אויבערשטן איז דאך כלשון חז"ל "וכי לאורה הוא צריך" - ער דארף דאך ניט אנקומען צו ליכטיקייט, און ער איז דאך דער מקור פון ליכטיקייט - "באורך נראה אור" - נאר די ליכטיקייט איז אויף מאכן ליכטיק אין וועלט,

עד"ז, איז א איד גלייך בפתח דבריו (אין אנהויבט פון זיינע ענינים), איז די ערשטע זאך איז "פותחין בברכה", און די צווייטע נקודה אין דער ברכה גופא איז, אז די ברכה דארף אין זיך כולל זיין אויף מאכן ליכטיק א זאך וואס לולא דעם "פתח דבריך יאיר", וואלט עס געבליבן בספק אדער מ׳וואלט ניט געוואוסט וואס דאס איז,

בנוגע לעניננו: צום ערשטן איז דאך "פותחין בברכה", אז די וואס האבן אויסגעדריקט איחולי לבבם, איז דאך כלשון חז"ל "כבר מילתי׳ אמורה" (ירושלמי ברכות ספ"ח), ס׳איז שוין געזאגט געווארן אין תורה דער ענין זייערער - "ואברכה מברכך" (בראשית יב,ג), אז דער אויבערשטער אליין בענטשט זיי,

און ווי גערעדט אמאל בארוכה דעם גאנצן ענין מיט די פרטים בדבר, און ווי ס׳איז שוין אויך אפגעדרוקט, איז ניט דער ענין נאך אמאל איבער חזר׳ן די ענינים וואס שטייען שוין בדפוס (ראה לקו"ש ח"ה ע׳ 422), ווי דער אלטער רבי פסק׳נט בהנוגע צו די טעג לפני חג הפסח, אז איידער די הלכות זיינען געווען בדפוס, איז געווען שואלים ודורשים בהלכות החג שלשים יום לפני החג, דערנאך בשעת די זאכן געפינען זיך בדפוס פארלאזט מען זיך אז יעדערער וועט א קוק טאן אינעווייניג,

דאס וואס מ׳וויל מוסיף זיין נאך א נקודה בדבר, אז דאס גיט מיר ניט נאר די יכולת אויף מקיים זיין דעם ציווי נחמד ונעים אויסדריקן א דאנק צו די אלע וואס האבן אויסגעדריקט ברכותיהם ואיחולי לבבם, וואס לולא זאת וואלט עס געווען אי אפשר דאס זאגן יעדערן באזונדער, קאן מען דאס זאגן בבת אחת לכולם, און דאס מיינט מען דאך יעדערן בפני עצמו, אז צוליב ע... איז געזאגט געווארן כל הענינים, און ווי ס׳איז אויך פירוש הפסוק "ואברכה מברכך", וואס "מברכך" איז לשון רבים, אבער די כוונה בזה איז דאך אז דער אויבערשטער בענטשט יעדערן באזונדער, ניט נאר אלס א חלק פון א כלל המברכים, נאר אויך אלס א פרט און

- א יחיד -

הנחת הת׳ בלתי מוגה

א יחיד - אחד במינו,

דערצו קומט צו נאך א נקודה: דאס גיט אויך א מעגליכקייט (וואס דערפאר קומט א תודה מיוחדת פון מיר) אויף אויסנוצן די געלעגנהייט אויף דערמאנען און מעורר זיין און ליכטיק מאכן א ענין וואס לולא זאת וואלט דאס אפשר געבליבן בספק אדער ניט קלאר,

און דאס איז בהנוגע צו ימים אלו וואס זיינען בסמיכות לחג הפסח.

אע"פ וואס בקביעות שנה זו איז דאס ניט אין די זעלבע וואך, איז אעפ"כ געפינט מען אז לפי קביעות שנה זו איז דא א שייכות מיוחדת פון דעם שבת שלפני שבת הגדול צו פסח, און ווי ס'איז אויך משמע פון דעם לשון פון אלטן רבי'ן,

וואס אזוי איז דאך דא חילוקים בהנוגע צו די דרשה פון שבת הגדול, ווען דארף דאס זיין אויב שבת הגדול קומט אויס ערב פסח, איז משמע פון דעם אלטן רבי'נס שו"ע (סי' תכ"ט ס"ב), אז מ'דארף דאס זאגן אין דעם שבת שלפני שבת הגדול, וואס ער שרייבט אז מ'זאגט די דרשה שבת הגדול <u>אויב ס'איז ניט חל בערב פסח</u>, איז דאך פארשטאנדיק אז אויב ערב פסח איז חל בשבת זאגט מען די דרשה אין שבת שלפני זה, אע"פ וואס עבדים היינו זאגט מען אין דעם שבת שלאחרי',

ד.ה. אז דער שבת שלפני שבת הגדול אין די קביעות פון שנה זו, האט א שייכות מיוחדת צו פסח, משא"כ בשאר השנים,

אין אן אנדער נוסח: לפי קביעות שנה זו קומט צו א ענין חדש אין פסח, אז ער האט <u>צוויי</u> שבתים וואס קומען לפניו און האבן צו אים א שייכות, אזוי ווי שבת הגדול איז דער לעצטער שבת וואס פאר פסח - לפי קביעות שנה זו - איז דא ענינים פון שבת הגדול וואס זיי זיינען ערב פסח (ולדוגמא (ווי גערעדט פריער) עבדים היינו); און ס'איז דא ענינים וואס זיי זיינען אויך שייך צו שבת הגדול אבער מ'טוט דאס אין דעם שבת שלפני שבת הגדול,

וואס דאס גיט אויך (כאמור לעיל) א הזדמנות מיוחדה, אויף נאך אמאל מעורר זיין די וואס שטייען בספק צי ס'איז געווען דאס וואס זיי האבן געטאן בהנוגע צו באווארענען הלכות החג לפני החג - שלשים יום שלפני', איז קאן זיין אז זיי האבן שוין יוצא געווען ידי חובתן, בנוגע זיך און בנוגע לאחרים,

ובעיקר אין דער נקודה וואס מ'רעדט שוין כמה שנים, בענין מבצע מצה, מבצע שמורה, איז דא אזוינע וואס שטייען בספק בזה אדער דער ענין איז בא זיי ניט קלאר וכו',

איז כאן המקום לעורר, אז אין די אלע ענינים איז אויב ס'איז נאר דא א ספק אדער א ניט קלארקייט, איז א זיכערע זאך אז מ'דארף אויסנוצן די שעות וואס זיינען געבליבן ביז פסח אויף ווייטער טאן, ואדרבה: "מי שיש לו מנה" (ראה קה"ר א,לד) - אויב ער האט שוין געטאן ביז איצטער און ער האט אין דערויף א מנה, איז "רוצה מאתים", דארף מען וועלן מער אויפטאן אין די

- עמ"ליכע -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

עטליכע טעג און שעות וואס זיינען דאך געבליבן ביז פסח,

און אפילו אויב ער האט שוין געטאן מאתים, איז ווייניק אז ער וועט מוסיף זיין א מנה, נאר ער דארף וועלן ד' מאות, צוויי מאל אזוי פיל וויפיל ער האט געטאן, ואדרבה: דערפאר וואס ער האט געטאן צוויי מאל אזוי פיל וויפיל א מנה,

ולכאו' איז דאך אין מקום לספק, ווארום די כוונה בזה איז דאך ניט כדי ער זאל יוצא זיין די מצוה פון "ואהבת לרעך כמוך", נאר דאס איז א ענין פון "לי טוב", ער טוט א גוטע זאך, וואס "ואהבת לרעך כמוך" איז "כמוך" דער פירוש - פונקט אזוי ווי ער טוט א זאך פאר זיך איז דאס ניט צוליב א כוונה צדדית, נאר דאס מיינט ער טאקע זיך אליין, ער דארף ניט אנקומען צו זייטיקע טעמים, איז אזוי אויך ווען ער טוט א טובה - "ואהבת לרעך", אין א ענין של פעולה פאר רעך, דארף עס ניט זיין דערפאר וואס ער וועט האבן דערפון שכר אדער סיפוק נפשו וכו', נאר ער טוט דאס דערפאר וואס ס'זאל זיין א גוטע זאך בא רעך.

דערפון איז פארשטאנדיק, אז כל זמן ס'איז דא איין און איינציקער איד, צי א מאן צי א פרוי, צי א קינד, צי א דערוואקסנער, בסביבתו, און סביבתו מיינט מען דערביי כל העולם כולו, וואס דאס איז דאך די סביבה פון יעדער אידן, ווי די גמ' זאגט (סנה' לז,א) "חייב לומר בשבילי נברא העולם", עס ליגט אויף אים א חיוב אז ער זאל וויסן זיין אז ער האט א שייכות צו די גאנצע וועלט, ווי גרויס די וועלט זאל ניט זיין,

איז אויב ס'איז נאר דא א איד בעולם וואס האט נאך ניט דער ענין פון מצה שמורה, אדער ער האט יע שמורה נאר ער ווייס ניט דער גודל הענין שבדבר, איז א זיכערע זאך אז ס'איז ניטא קיין מקום לספק, ועאכו"כ, צו א אי ידיעה צי האט ער עפעס וואס צו טאן אין דעם צי ניט.

לפ"ז - וואס דארף מען רעדן וועגן דעם? האבן דאס חז"ל באווארענט אין די סדרה וואס ווערט אנגערופן צו,

וואס ווי גערעדט כמ"פ איז דאך שמו אשר יקראו לו בלה"ק גיט ארויס די נקודה פנימיות פון די גאנצע סדרה,ולכאו' - וואו שטייט דער פנימיות פון דער סדרה אין דער ווארט "צו"?

דער טייטש פון צו איז דאך, ווי רש"י טייטשט אפ (וואס דערפון איז פארשטאנדיק אז דאס איז פשוטו של מקרא, און דאס קא מען עבן צו פארשטיין א בן חמש למקרא), "אין צו אלא ל' זירו

וואס דאס קומט ארויס נאך מער קלארער אין דעם מארז"ל (רא מכות כג,א. במ"ר ז,ד) "אין מזרזין אלא למזורז", ד.ה. אז יענער איז א זריז בלאו הכי, און וועט דאס טאן, ס'קאן דאך אבער זיין אז אויב א צווייטער וועט אים מזרז זיין וועט ער טאן מערער בכמות אדער באיכות, אדער מערער אין ביידע ענינים, אדער עכ"פ מיט מערער חיות, איז צוליב דערויף אליין איז דא דער ענין הציווי, אפילו ווען ער האט צו טאן מיט מזורזים,

ואדרבה: דער לשון איז ניט "מזרזין אפילו למזורז", נאר דער לשון איז "אין מזרזין אלא למזורז", ווארום די וואס

- זיינען -

זיינען ניט קיין זריזים, מיט זיי דארף מען ניט אנהויבן מיט א זירוז, נאר זיי דארף מען אנהויבן דערציילן אז ס'איז דא אזא ענין וואס ער דארף דאס טאן, וואס דאס קומט נאך פארדעס זירוז, נאר דאס איז אויף עצם מציאות הדבר,

און דאס וואס מ'זאגט אז "מזרזין" איז דאס דערפאר וואס דעם ענין ווייס ער, און ער וועט אים זיכער טאן, ובזריזות, און אעפ"כ, וויבאלד אז ער איז א בשר ודם, וואס יעדער בו"ד איז א מוגבל מיט א מדידה והגבלה, איז א זיכערע זאך אז בשעת מ'וועט אים מזרז זיין וועט דאס בא אים מעורר זיין כוחות נעלמים,

וואס פריער האט ער אויך געטאן אלע ענינים בשלימות, ווארום ער איז דאך א מזורז; ער האט דאס אבער געטאן מצד כוחות הגלויים שלו, משא"כ בשעת ס'קומט צוגיין א צווייטער איד און איז אים מזרז, איז א זיכערע זאך אז ס'וועקט אין אים אויף נאך א נקודה און נאך א כח, וואס ביז דעמאלט איז דאס געשטאנען בהעלם,

בשעת מ'ברייננגט דאס אבער ארויס בגלוי, וועט ער אויך אויסנוצן די כוחות נעלמים וואס זיינען ארויס בגלוי אין דעם זעלבן ענין טוב אין וועלכן ער איז פריער געווען א מזורז לויט די כוחות הגלויים שעד אז,

וואס דאס קומט א תודה חמה מקרב לב פאר דער הזדמנות אויף מזרז זיין מזורזים, לכל לראש בנוגע למבצע מצה שמורה כפשוטו, אז מ'זאל זען אז צו יעדער איד זאל אנקומען מצה שמורה עכ"פ אויף די זתים - פאר די זתים של מצה מצוה צו די סדרים, ועאכו"כ אויב מ'קאן פועל'ן אויף נאך מער,

ויהי רצון אז מ'זאל דאס טאן בחיות, ובדברים היוצאים מן הלב, איז א זיכערע זאך אז נכנסים אל הלב ופועלים פעולתם, וועט די מצה זיין מיכלא דמהימנותא בא דעם וואס טוט אין דעם מבצע מצה שמורה, אז בא אים וועט זיין די התחזקות אין אמונה - ורעה אמונה, מיט די אלע פירושים שבדבר,

און פון מיכלא דמהימנותא צו מיכלא דאסוותא, אז דאס וועט אויסהיילן די אלע ענינים וואס זיינען שלא כדבעי אדער ניט בשלימות, ביז אין אן אופן החולי ווי עס שטייט אין כתבי האריז"ל חולי בגמט' מ"ט, אז בשעת מ'ווייס און מ'האט א שייכות, מערניט ווי צו תשע וארבעים שערי בינה שנבראו בעולם, ווערט ער אנגערופן א חולה, ווארום ער האט מערניט ווי מ"ט, ער האט נאך ניט קיין שייכות צו שער החמישים,

וועט דורך דערויף אים אויך צוקומען אסוותא אין אלע אופנים פון חולי, ביז דעם חולי סבדקות דדקות, אויף צוקומען צו שער הנו"ן דבינה,

וואס אויף דערויף זאגט ער דאך אין זהר (ז"ח ר"פ יתרו) (און אין פרד"ס (שער השערים בתחלתו) איז ער דאס מבאר בארוכה) אז יציאת מצרים שטייט פופציק מאל אין תורה שבכתב,

וואס אין תושב"כ איז דאך אויסגערעכנט יעדער ווארט און יעדער תג און יעדער רמז, און יציאת מצרים שטייט איין מאל,

- צוויי -

הנחה הת' בלתי מוגה

צוויי מאל, דריי מאל, ביז עס שטייט חמישים פעמים,

און מ'וועט זוכה זיין צו גאולת מצרים ברוחניות, כל אחד ואחד אלס א פרט און צו גאולת מצרים ברוחניות בא כלל ישראל, און דעמאלט איז דאך "ישראל עושין תשובה ומיד הן נגאלים", אז ס'וועט זיין דער "כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות" (מיכה ז,טו), בגאולה האמתית והשלימה ע"י משיח צדקנו ובעגלא דידן, ונאכל שם מן הפסחים ומן הזבחים.

ב. אויף יעדער מבצע ובפרט דער מבצע פון מצה שמורה, דארף מען דאך בעטן ביי דעם אויבערשטן הצלחה אויף דעם מבצע,

וואס דאס איז מובן במכ"ש פון דעם וואס מ'דארף בעטן הצלחה בהעניינים וואס געהערן צו אים - צו זיך אליין, וואס אויף דערויף איז מען דאך א בעל בחירה, און מ'איז א בעל בחירה מיטן נפש אלקית, וואס זי איז דאך חלק אלוקה ממעל ממש, איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז אויב ער וועט וועלן מיט אן אמת איז אין לך דבר העומד בפני הרצון,

משא"כ דער ענין של מבצע, צי דאס איז מבצע מצה שמורה, צי מבצע תפלין, צי מבצע מזוזה וכיו"ב, איז דאך ענינו ותוכנו אויף אופטאן מיט א צווייטן, וואס דער צווייטער איז דאך אויך א בעל בחירה, איז דעמאלט דארף מען האבן א תפלה בכפליים, מערער ווי מ'דארף האבן א תפלה אויף מצליח זיין מיט זיך,

וואס איז די וועג אז די תפלה זאל נתקבל ווערן? זאגט אויף דערויף די גמרא (ב"ב י,א) (און דאס ווערט אראפגע-בראכט אין שו"ע אלס א פס"ד) אז "ר"א יהיב פרוטה לעני והדר מצלי", אז ר"א איידער ער האט זיך געשטעלט דאווענען - וואס ענין התפלה איז בקשת צרכיו, איז פאר דערויף איז "יהיב פרוטה לעני",

שטייט אויף דערויף דער פירוש בפשטות, אז בשעת ער בעט בא דעם אויבערשטן צרכיו שלו, צי דאס איז ברוחניות צי בגשמיות, צי בכללות צי בפרטיות, בעט ער דאך אז דאס זאל זיין בתורת צדקה,

ווו די גמרא (ברכות יז,ב) זאגט "אבירי לב הרחוקים מצדקה", אז אפילו די וואס קאנען מאנען בא דעם אויבערשטן, וואס דערפאר ווערן זיי אנגערופן "רחוקים מצדקה", ווארום זיי דארפן ניט אנקומען צו צדקה, איז אעפ"כ בשעת זיי בעטן ביי דעם אויבערשטן בעטן זיי בתורת צדקה,

און ווי מ'געפינט בא משה רבינו, וואס ער ווערט אנגערופן בן של כל ישראל, למגדול ועד קטן, אז ס'איז געווען "ואתחנן", און רש"י טייטשט אפ אז דאס איז "לשון מתנת חנם",

וואס מתנה איז ניט א ענין פון קני' - וואס ער קויפט, נאר מערניט אויב יענער וויל גיט ער און אויב ער וויל ניט ער ניט, און מאנען קאן ער ניט, איז אין מתנה גופא דא כמה דרגות, ובכללות איז ענין המתנה "אי לאו דעביד לי' נייחא לנפשי' לא הוה יהיב לי' מתנתא" (ראה מגילה כו,ב. גיטין ב,א. ב"ב קנו,א), אז מ'גיט א מתנה גיט מען דאס אימיצן פון וועמען מ'האט געהאט א נחת רוח,

- איך -

הנחת הת' בלתי מוגה

איז אין מתנה גופא, האט משה רבינו; רבן של ישראל, געבעטן גיט סתם בתורת מתנה נאר בתורת "מתנת חנם",

וואס דערפאר איז ר"א בשעת ער האט געדארפט מתפלל זיין תפלתו, האט ער פריער באוויזן באתערותא דלתתא אז ער פירט זיך אז "יהיב פרוטה לעני", וואס דער עני איז אים גארניט שולדיג, "והדר מצלי" - ער האט זיך געשטעלט דאווענען, ומצד מדתו של הקב"ה וואס דאס איז (בל׳ הש"ס) מדה כנגד מדה, איז תפלתו נתקבל,

ס׳איז דאך דא כמה הנהגות וואס ווערן געבראכט אין ש"ס און וויבאלד דאס ווערט געבראכט אין תורה בכלל און ׳אין תורת הנגלה בפידחד, איז דאך פארשטאנדיק אז אין דערויף איז דא אן אפלערנונג פאר יעדערן וואס איז מחויב לערנען דעם ענין, פאר יעדערער וואס איז מחויב לערנען תורה שבע"פ בכלל, וואס דאס איז דאך כולל אויך די נקודות,

ס׳קאן אבער זיין אז דער חיוב זאל זיין ניט דער זעלבער ענין נאר דוגמתו, ווארום די גמרא דערציילט דאס וועגן אזא וואס מצד מעלתו האט ער דאס געטאן, אין א הויכן אופן - אין תכלית השלימות, איז בא אנדערע איז דא א הוראה אז זיי דארפן טאן מעין זה, ווי ס׳איז דא אויף דערויף כמה וכמה דוגמאות,

בהנוגע אבער צו דעם סיפור (והוראה) ווי ס׳איז געווען די הנהגה פון ר"א, ווערט דאס אראפגעבראכט (כאמור לעיל) אלס א פס"ד אין שו"ע פאר יעדער איד, אז מ׳דארף טאן פונקט דעם זעלבן ענין וואס האט געטאן ר"א, אז קודם התפלה זאל מען טאן אן ענין של צדקה,

וכאמור לעיל אז אויב דאס איז אזוי בכלל בא יעדער תפלה פון בקשת צרכיו, איז אין א ענין של מבצע, אז מ׳בעט בא דעם אויבערשטן אז מ׳זאל מצליח זיין מיט א צווייטן אידן, מיט א דריטן און מיט א פערטן עד אשר רבו מלספור, איז דאך עאכו"כ אז עס דארף זיין דער ענין הצדקה.

עס קומט נאך צו ביתר שאת בקשר צום מבצע מצה שמורה, וואס דעמאלט איז דער זמן מסוגל לזה:

דער מבצע פון מצה שמורה איז דאך א פרט (אדער א ענין כללי) פון שואלים ודורשים בהלכות החג לפני החג - פון הלכות פסח, וואס ווען הויבט זיך אן די שלשים יום, שרייבט דער אלטער רבי בשו"ע שלו אז עס הויבט זיך אן פורים.

וואס דאס איז דאך א פלא, וואס דער אלטער רבי בשו"ע איז דאך ניט עניננו צו מאכן חשבונות, און אז מ׳שרייבט "שלשים יום" קאן דאך יעדערער אויסרעכענען, ווען ער זען ווען ס׳הויבט זיך אן די דרייסיג טעג? איז דער אלטער רבי דא מדגיש (צי דאס איז בכלל אדער ניט בכלל וכו׳), אז דאס האט א שייכות מיוחדת צו פורים,

און גלייך נאך דערויף דערציילט ער וועגן עניני חדש ניסן, און אין די ערשטע סעיפים איז ער מבאר בהנוגע צו קמחא דפסחא, וואס דאס איז מעות חטים,

וואס דאס איז דאך איינע פון די צד השות וואס ס׳איז דא צווישן פורים און פסח, וואס די הכנה לפסח איז פארבונדן מיט

- קבהא -

הנחת הת׳ בלתי מוגה

קמחא דפסחא, מיט מעות החיים, אין פורים איז טאקע דא שבע מצוה, אבער "מוטב להרבות" (ווי ער זאגט אין רמב"ם (הל׳ מגילה פ"ב הי"ז)) אין מתנות לאביונים, און נאך מער אפילו פון משלוח מנות לרעהו,

און מ׳זאגט ניט אז ער קלייבט זיך אויס דער סוג עני וואס איז לפי רוחו, אדער מצד דערויף וואס דאס איז א עני שאין למטה הימנו, וואס ס׳איז דא א מענטש וואס בטבע איז דכא ושפל רוח אסכון - בשעת ער וויל געבן צדקה זוכט ער זיך אויס אזא וואס איז דכה ושפל רוח ביותר, און ס׳איז דא א מענטש וואס איז בטבע פארקערט, ער זוכט זיך אויס איינעם צו וועמען ער פילט זיך נענטער וואס צוליב דערויף דארף יענער האבן עפעס וואס א מעלה, ניט אזא וואס איז "תאב לכל דבר",

זאגט מען אז די מצוה פון מתנות איז לשני אביונים, [משלוח מנות איש לרעהו קאן ער יוצא זיין מיט איינעם; משא"כ מתנות לאביונים איז דער חיוב אז ס׳זאל זיין אין צוויי סוגים, אדער מן הקצה אל הקצה],

וואס דערביי זעט מען דאך אז דער אנהויב פון די שלשים יום איז בפורים, (ווי דער אלטער רבי איז דאס מדגיש), און דער סיום איז ביי קמחא דפסחא.

נאך מערער: מיט וואס הויבט מען אן דעם סדר, נאך איידער ס׳איז דא דער והגדת לבנך, וואס דאס איז דאך דער הבן שואל - די ד׳ קשיות, איז נאך פאר דערויף זאגט מען דעם ענין הצדקה, און ער איז דאס מבריז אין א לשון אז אלע זאלן דאס פארשטיין בחוץ - "כל דכפין ייתי וייכול" - דער ענין הצדקה,

ד.ה. אז די התחלה און דער סוף פון די שלשים יום (נאך איידער ס׳הויבט זיך אן פסח) איז דער ענין פון גמילת חסדים,

וואס דאס קומט בקשר צו דעם וואס מ׳האט פריער גערעדט, אז תורה באווייזט בא זיך אליין ווי אזוי א איד דארף זיך פירן, איז דאך ווי די גמ׳ זאגט אין סוטה (יד,א) אז תורה איז תחלתה גמילות חסדים וסופה גמילות חסדים,

אזוי זיינען אויך די שלשים יום, איז בהתחלתם דא מתנות לאביונים, ובסופם איז דא די הכרזה פון כל דכפין ייתי וייכול, און דערפון איז פארשטאנדיק די נקודה הפנימיות וואס גייט דורך די אלע שלשים יום,

וואס דערפאר איז כאמור נוסף על כללות הענין וואס יעדער מבצע דארף זיין פארבונדן דערמיט וואס ער גיט צדקה, און גיט צדקה בשלימות, ווי חסידות ברייגנט פון ספר אורחות צדיקים בהנוגע צו אברהם (וואס פון אים האט יעדער איד באקומען בירושה די יכולת), אז ער איז געווען א נדיב בגופו, בנשמתו, ובממונו, דארף יעדער איד אויך זיין א נדיב אין די אלע דריי ענינים, ביז נדיב בממונו דער ענין הצדקה בממון,

און אין דערויף איז דאך זיכער אז וכל המרבה הרי זה משובח, און ווי געזאגט פריער בהנוגע צו מתנות לאביונים אז כל

-- המרהה -

הנחת הת׳ בלתי מוגה

המרבה הרי זה משובח, ועד"ז אז מ'זאגט "כל דכפין" איזמען מכריז און מ'זאגט "כל" - יעדער וואס איז נאר "כפין" איז פאר אים אפען די טיר און ייתי וייכול,

וואס דאס איז מדגיש נאך מערער אז די צייט איז מסוגל בהנוגע צו מבצע צדקה,

וויבאלד אז ואהבת לרעך כמוך איז כולל אויך מעורר זיין א צווייטן אידן אז ער זאל געבן צדקה מדילי', וואס דעמאלט איז נוסף על האמור אז דאס ברייגנט אריין הצלחה אין מבצע מצה שמורה עאכו"כ אז דאס ברייגנט אריין בצלחה אז ער זאל האבן א חג הפסח כשר ושמח, ברייגנט דאס אויך אריין א זירוז מיוחד למזורזין,

וואס ס'איז ניטא קיין גרעסערער מזורז ווי דער אויבערשטער, ס'איז אבער מאיזה טעם שיהי' זעט מען אז בהנוגע צו גאולתנו פון דעם גלות איז לכאו' זעט זיך ניט דער "אחישנה" - דער ענין הזריזות,

וועט דאס מוסיף זיין הצלחה אין דעם ענין פון "אין מזרזין אלא למזורז", ואב לכולם - דער אויבערשטער אליין, אז בזכות הצדקה איז נגאלים פון אלע גליות, ועאכו"כ פון דעם גלות האחרון, וואס מ'וועט מרבה זיין בצדקה וואס דאס איז דער עיקר העבודה פון דעם גלות ובפרט פון עקבתא דמשיחא, ווי דער אלטער רבי שרייבט וועגן דעם בארוכה אין אגה"ק,

און אז אידן זיינען מרבה בצדקה ובזריזות, איז דער אויבערשטער מזרז את הקץ און ברייגנט אראפ אין אן אופן פון אחישנה משיח צדקנו, וואס דאס איז אויך מלשון צדקה, יבוא ויגאלנו ויוליכנו קוממיות לארצנו, בעגלא דידן.

ג. מ'האט גערעדט פריער בנוגע צו צדקה, אז כל המרבה הרי זה משובח, ובפרט אין ענינים וואס זיינען פארבונדן מיט כלל ישראל אדער מיט א פרט בישראל, און דאס ברייגנט אויך אראפ ברכת ה' אין ענינים פרטיים, ביז וואנען אז מ'ברייגנט אראפ אין ספרי מוסר און ספרי חסידות, די הנהגה פון א"א, אז ער איז געווען א נדיב בנשמתו בגופו ובממונו,

וואס ס'איז דאך "אחד הי' אברהם" (יחזקאל לג,כד), ער איז געווען א איין און איינציקער מענטש מיט אזוינע מעלות, ביז וואנען אז אפילו משה רבינו האט מען געזאגט "במקום גדולים אל תעמוד", און דער מדרש טייטשט אפ אז "גדולים" מיינט מען אברהם אבינו,

איז אעפ"כ זאגט מען אז עס זיינען דא זאכן וואס א"א האט געטאן, און א ספר מוסר און א מאמר חסידות וואס זיינען געזאגט און געשריבן און אפגעדרוקט געווארן אין די לעצטע יארן ברייגנען אראפ אז אזוי דארף טאן יעדער איד, מיט די פרטים ווי ס'האט געטאן אברהם אבינו, איז דאך דערפון פארשטאנדיק אז דער אויבערשטער גיט כוחות יעדער אידן ער זאל דאס טאן אין די אלע פרטים ווי דאס האט געטאן אברהם אבינו,

- נאר -

נאר אברהם אבינו האט געוואוסט די כוונות, ביז אין מרכבה העליונה - וואס "האבות הן הן המרכבה" (ב"ר פמ"ז ו. פ"ב,ו), אבער כוונות אליין זיינען ניט מספיק, ואדרבה: עס שטייט אין תניא אז אויב מ'איז מכוון אלע כוונות און מ'טוט ניט די מעשה בפועל, איז אפילו עפ"י תורת החסידות פעלט דער עיקר הענין; משא"כ אויב ער טוט די מעשה בפועל און ער ווייס ניט די כוונות, איז דער עיקר האט ער אפגעטאן,

ועאכו"כ בנוגע צו צדקה, וכידוע תורת הבעש"ט אז ס'איז דא מצוות וואס אין זיי איז דער לא לשמה ניט אזוי פיל מקלקל, און איינע פון זיי איז צדקה, ווארום דעם עני איז דאך קיין נפק"מ ניט צי דער נותן האט א כוונה טובה צי ניט, צי ער האט א כוונה שלא לשמה - דער עני באקומט חייו און חיי ביתו,

וואס דערפאר איז דאס וואס אברהם האט באוויזן א ביישפיל וואס ער האט געגעבן צדקה, און די צדקה איז געגעבן געווארן בנדיבות, בתורתו ובנשמתו, בגופו, ובממונו, ווערט ארויסגענומען דערפון די אנווייזונג אז אזוי דארף טאן יעדער איד וואו נאר ער זאל זיך ניט געפינען,

און דער כח אויף דערויף איז פון "ידעתיו גו' אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו גו' לעשות צדקה" (וירא יח,יט), וואס דאס גייט דאך אויף אברהמ'ען, וואס ער האט געגעבן דעם כח, וואס "יצוה" איז אויך מלשון צוותא וחיבור, ער שטייט צוזאמען מיט יעדער אידן און העלפט אים ארויס ער זאל זיין א נדיב בנשמתו ובגופו ובממונו ובתורתו, מיט די אלע פרטים וואס ס'קאן זיין בצדקה,

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז וויבאלד אז מ'האט געגעבן יעדער איד די כוחות אויף טאן אין די אלע פרטים, איז בשעת ער טוט ניט אין די אלע פרטים נאר אין א טייל פון זיי, הגם עס איז ניט נאר אין הידור מצוה, נאר אין א עיקר: דער אויבערשטער האט עם געגעבן כוחות און מעגליכקייטן, און ער לאזט ליגן דעם אויבערשטנ'ס כוחות ניט נוצנדיק זיי אויף וואס דער אויבערשטער וויל,

וואס עס איז זיכער אז יעדער איד (און בכלל יעדער מענטש) וואס איז נאר נארמאל וועט דאך זיכער ניט וועלן אז דער אויבערשטער גיט עם כוחות און וויל ער זאל טאן א זאך, און ער וועט אפטאן האלב דערפון, און דעם אנדערן העלפט וועט ער לאזן ליגן ניט גענוצטער-הייט,

מ'דארף ניט אנקומען צו מוסר, און צו חסידות און צו לפנים משורת הדין וכו', אויב נאר ער איז א נארמאלער מענטש, און גלויבט אז די וועלט איז ניט הפקר נאר ס'איז דא א בעה"ב, און דער בעה"ב איז דער אויבערשטער, און דער אויבערשטער האט עם געגעבן מעגליכקייטן, איז מצד מענטשלעכקייט אליין (ועאכו"כ ווען דאס ווערט אנגעווארעמט און דורכגענומען מיט אמונה און מיט חיות) וועט ער אויסנוצן די כוחות אין דער פולסטער מאס,

וואס דערפון קומט צו א הוראה מיוחדת: די אלע זאכן וועלכע מ'האט גערעדט פריער, בנוגע צו מבצע מצה שמורה און

- בנוגע -

הנחת הת' בלתי מוגה

בנוגע צו מבצע צדקה, (וואס האמור לעיל גיט מען יעדן איד כוחות אז ער זאל קאנען טאן אין דעם) איז יעדער מדריך; יעדערער וואס האט השפעה אויף נאך א אידן, אויף צוויי אידן, אויף דריי אידן וכו׳, איז ניט גענוג אז ער זאל אויף זיי ווירקן אז זיי זאלן האבן די מצה שמורה און דאס ניצן צום סדר, נאר ער דארף אויף זיי ווירקן אז זיי זאלן ארויסגיין זוכן א אידן און בא עם פועל זיין אז ער זאל אויך האבן מצה שמורה.

מ׳איז דאך מזכיר יציאת מצרים סיי ביום סיי בלילה, איז דערפון פארשטאנדיק, אז אזוי דארף זיין בא א אידן אין זיין טעגליכע ארבעט, אין אלע ענינים טובים וואס ער קאן טאן.

אין דער מדינה איז דא נאך א סוג אנשים וואס זיי האבן כוחות מיוחדים, וואס די מדינה האט דאך א הנהגה וואס זי איז איינגעשטעלט צענדליקער יארן, כמה דורות, וואס דאס הייבנט אפ אין די נבחרים, און זיי זיצן אין וואשינגטאן וכו׳, איז דער סדר אבער, אז וויבאלד אז זיי זיינען טרודים, אדער זיי זיינען פארנומען מיט א סאך ענינים, קאנען זיי דאך ניט וויסן קיין פרטים וואס און ווי אזוי, און מיט וואס פאר א אימפעט און וארנעם מ׳דארף טאן, האט יעדערער פון זיי מענטשן וואס העלפן אים ארויס, און וואס פירן אן מיט עם אז ער זאל אויסנוצן דעם וועמען מ׳האט אויסגעקליבן, און מיטן גאנצן שטורעם און אימפעט טאן אין ענינים טובים, אין ענינים של צדקה, ביז אין ענינים של קדושה,

ביז וואנעט אז רובם ככולם פון די נבחרים (מסתמא וועט מען דאס זיי ניט איבער געבן, און אויב מ׳וועט זיי איבער געבן, וועלן זיי מסתמא קיין פאריבל ניט האבן) קלייבן זיך ווייניג פארנאנדער וואס ס׳טוט זיך אין דער מדינה, און זיי פארלאזן זיך אויף די יועצים ומזכירים וואס ברייגנען זיי די ידיעות און גיבן איבער דעת הקהל ודרישת הקהל,

און דערנאך וויבאלד אז ער ווייס אז ער איז א יועץ נאמן און א איש נאמן, און ער קאן זיך אויף עם פארלאזן, גייט ער און טאנט א שטורעם מיט א ליארעם און מיט א אימפעט אז מ׳דארף זען אז אין דער גאנצער מדינה דארף זיך אפטאן אט דער און דער ענין.

אויב יעדער ענין איז בהשגח"פ, און ווי דער בעש"ט זאגט, אז א בלעטל וואס וואלגערט זיך אין גאס און זי ווערט איבער-געקערט פון איין זייט אויף א צווייטע, איז צי דער איבערקערן וועט זיין דורך א ווינט, אדער דורך דערויף וואס אימיצער וועט פארבייגיין און וועט דאס איבערקערן איז אויך בהשגח"פ, וואס דאס רעדט זיך וועגן א בלעטל, און וואס וואלגערט זיך אין רה"ר, און אין א שינוי קל לגמרי - אין וואס פאר א אופן ס׳וועט זיין ער איבערדרייען זיך מצד לצד,

איז עאכו"כ ווען ס׳רעדט זיך וועגן אזא וואס האט די מגליכקייט אויף משפיע זיין אויף איינער וואס זיצט אין קאנגרעס אדער סינאט, אדער אין אנדער ארט וואס ער קאן עפעס אויפטאן, איז דאס ניט צופעליג נאר דאס איז בהשגח"פ,

- און וויבאלד -

און וויבאלד אז די השגח"פ שטאמט פונם אויבערשטן, וואס דער אויבערשטער איז דאך יוצר האדם, און ער ווייס די כוחות וואס דער מענטש האט, און דער אויבערשטער האט געזען אז מ'זאל אים געבן די ארבעט און די שטעלע, איז א זיכערע זאך אז מ'האט אים געגעבן די כוחות וואס ער דארף האבן אויף אויסנוצן די שטעלע אויפן פולסטן פארנעם,

און אין א אופן אז דאס זאל מהאים זיין מיט דעם וואס האט עם באשאפן, וואס זאל שטימען מיט די תורה וואס זיין באשעפער האט געגעבן, וואס דאס איז תורה - מלשון הוראה,

און אין דער תורה איז דא תרי"ג מצוות וואס האבן א שייכות צו אידן, ס'איז אבער אויך דא די שבע מצות בני נח - ווי אזוי ס'דארף זיך פירן די חברת האדם, וועלכע מענטשן ס'זאלן נים זיין און וואו זיי זאלן נים זיין, און צו וועלכן פאלק זיי זאלן נים געהערן, און ווי דער רמב"ם איז מדגיש, אז שבע מצוות בני נח דארף מען מקיים זיין דערפאר וואס אזוי האט אנגעזאגט משה וואס ער האט דאס געהערט פון דעם אויבערשטן ביים בארג סיני,

און דעמאלט גיט מען אים כוחות אז ער זאל קאנען אויספירן אין די זאכן וואס זיינען שייכות לכללות בני המדינה, לויט די אויפוויזונג פון שבע מצוות בני נח מיט אלע זייערע פרטים; און אין די זאכן וואס האבן א שייכות צו אידן, בהתאם צום שו"ע, בהתאם צו די תרי"ג מצוות, און ס'איז א זיכערע זאך אז מ'האט אים געגעבן די פולסטע כוחות וואס ער דארף האבן כדי דאס דורכפירן בשלימות,

דער אויבערשטער דויל אבער אז ער זאל דאס טאן בבחירה חפשית, איז דערפאר ווייזט זיך אים אוים אז ער האט צוויי וועגן, און ניט ער זעט אין די צווייטע וועג מערניט ווי חסרונות, דארום דעמאלט וואלט דאך די בחירה ניט געווען חפשית, נאר עס קומט צוגיין דער יצה"ר און ווייזט עס, אז ס'קאן גאר זיין א מעלה אין ניט מקיים זיין דעם אויבערשטנ'ס אנווייזונגען - "נופת תטפנה שפתי זרה" (משלי ה,ג),

בשעת ס'קומט צוגיין "זרה" - דאס וואס איז פרעמד צו יעדער אידן, איז ניט דער ענין אז מ'קומט צוגיין און מ'זאגט אז זי איז א פרעמדע און וויל אים געבן פרעמדע זאכן און ביטערע זאכן, ווארום דעמאלט האט ער ניט קיין בחירה בזה, נאר מ'קומט צוגיין מיט "נופת תטפנה", מ'הויבט עס אן מסביר זיין אז בשעת ער וועט זיך מאכן ניט זעענדיק, ניט פארשטייענדיק, אדער עכ"פ ניט אויסנוצן זיינע כוחות אין די פולסטע מאס, וועט דערפאר זיין "נופת תטפנה" - וועט ער דערפון באקומען ערגעץ וואו א זיסע זאך,

ס'איז אבער א זיכערע זאך אז ואחריתה איז ווי ער איז מסיים דערנאך - פונקט דער היפך פון "נופת תטפנה", וואס דערפאר האט דאס דער חכם מכל אדם ארייגעשטעלט, מ'זאל וויסן ניט נתפעל צו ווערן ווי קומט עס אז "זרה" זאל זיך קאנען אנשלאגן מיט "נופת תטפנה", און דאס איז א זאך וואס תורה רופט אן בשם

- נופת -

נחת התי בלתי מוגה

"נופת", איז כדי ער זאל זען אז ער איז א ערוואקסנער מענטש און א עומד על רגליו, און ער קאן זיין "ובחרת בחיים" - אין חיים אמיתיים, אין טוב וקדושה אמיתית,

און דעמאלט איז ניט נאר וואס ער פארלירט ניט דעם נופת זמני, וואס ער האט לשעה קלה דעם נופת, נאר ער באקומט נאך בכפליים וכפלי כפליים וכמ"פ ככה, לויט דעם הפסד מצוה כנגד שכרה, ווארום דאס איז א הפסד מערניט לפי שעה, און א הפסד קל,

און דאס איז גארניט קיין הפסד: וויבאלד אז דורך דעם הפסד קומט ער צו צו א שכר נעלה, איז דאס בדוגמא אז מ'וועט קומען צוגיין צו א סוחר און מ'וועט אים זאגן, אז ער דארף ארייגלייגן אין געשעפט א פרוטה אחת און דערפאר וועט ער פאר-דינען אין א יאר ארום אלף אלפים דנרי כסף וזהב, וועט ער ניט טראכטן אז פריער האט ער מפסיד געווען די פרוטה און דערנאך האט ער מרויח געווען און מצליח געווען און האט אלף אלפים דנרי זהב,

נאר דער וואס וועט אים זאגן אז ס'איז א הפסד וועט ער זאגן אז יענער איז א פרא אדם און פארשטייט גארניט אין מסחר, עס לויענט ארייגלייגן <u>כמה</u> פרוטות כדי צו פארדינען אלף דנרי זהב, ועאכו"כ מערניט ווי איין פרוטה, און דערנאך האט ער אלף אלפים דנרי זהב, איז דאס ניט קיין הפסד, דאס קאן נאר זאגן א מענטש וואס האט קיין שייכות ניט צו הנהגות עוה"ז הגשמי והחומרי,

און דאס וואס ער זאגט אז ער קאן יוצא זיין מיט נריבות בנשמתו ובגופו ובתורתו ובממונו במילואו, איז ניט דער פשט אז ער איז מקיים א מצוה ניט בתכלית השלימות, נאר די נקודה הפנימית בזה איז, אז דער אויבערשטער גלויבט אים, און דעריבער האט ער אין אים ארייגעלייגט כוחות, און האט אים געגעבן מעגליכקייטן צו אויפטאן, דורכדעם וואס ער וועט זיין בעל יועץ און יענער פרעגט בא עם הוראות אין וואס ער זאל שטורעמן, און ער ניצט ניט אויס די כוחות וואס מלך מלכי המלכים הקב"ה האט זיך אראפגעלאזט דא למטה און האט אין עם ארייגעלייגט,

ועד"ז בנוגע צו יעדער בעל השפעה, אויף בני ביתו צי א לערער אדער א לערערין וואס זי צי ער זיינען בעלי השפעה אויף זייערע תלמידים און תלמידות, וואס יעדערער פון זיי איז אן עולם מלא,

און ווי די משנה זאגט אז נפש א' מישראל איז דאס א עולם מלא, און ווי ס'איז דארט מוכרח פון דעם דין איז דאס ניט א נפש אחת וואס ער איז שוין א בר מצוה אדער א בת מצוה, נאר אפילו א תינוק בן יומו איז אויך דער דין אזוי,

איז דאך דערפון פארשטאנדיק בנוגע צו א מורה אדער א מורה, (א לערער אדער א לערערין) א מדריך אדער א מדריכה, די כוחות וואס מ'האט אין זיי ארייגעשטעלט, אז אויב ער האט עשרה מישראל אדער ווייניקער דערפון, ועאכו"כ מערער דערפון, אין זיין כתה אונטער זיין השפעה, איז א זיכערע זאך אז דער אויבערשטער האט זיי געגעבן כוחות אז זיי זאלן קאנען אויפטאן מיט די צען

- אינגעלאך -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

אינגעלאך אדער די צען מיידעלאך, אדער מיט איין אינגעלע אדער מיט איין מיידעלע, אויפהאדעווען זיי אז דאס זאל זיין א מאן אדער א פרוי מיט וועלכן מ'וועט דערנאך קאנען אויפווייזן און זאגן הגיעו מעשי למעשי אבותי אברהם יצחק ויעקב (ראה תנא דבי אלי' רבה פכ"ה),

וכידוע די תשובה פון ראגאטשאווער, אז מ'האט עם געפרעגט בנוגע צו אננעמען תלמידים (צי תלמידות) אין א בית ספר, און מ'האט געקענט אננעמען נאר א מספר מוגבל, האט מען געוואלט בא אים פועל'ן אז ער זאל הייסן צונעמען מערניט ווי די מצויינים, און די אנדערע ניט, האט ער זיך געבייזערט און האט גע'טענה'ט און געשריבן אז דאס איז היפך הדין,

וואס איינע פון די טעמים אין דערויף איז, ווארום מ'קאן ניט וויסן ווער ס'וועט דערפון אויסוואקסן, און א ענין פון א בית חנוך איז צו האדעווען א קינד אין א אופן אז דערנאך, כשיגדל, זאל ער זיין כדבעי; וואס דעמאלט האט יעדער איד בכח צו זאגן "מתי יגיעו כו'",ס'איז מערניט ווי א שאלה אין זמן "מתי" - ווען וועט דאס זיין, אז "יגיעו מעשי למעשי אבותי אברהם יצחק ויעקב",

ועאכו"כ דער מנהל פון דעם גאנצן בית ספר אדער ישיבה, ועאכו"כ דער רב ומורה הוראה פון א גאנצע קהילה, וואס זיי גיט מען דאך כוחות כנגד כולם פון די אלע וואס זיי זיינען אונטער זייער השפעה, איז דער אויסנוצן די כוחות במילואם ובשלימותם לטובת הכלל והפרט ניט נאר א ענין פון לפנים משורת הדין, חסידות, ומוסר,

נאר אויב ער איז א מאמין, וואס גלויבט אז דער אויבערשטער פירט אן מיט די וועלט און מיט עם, און עם האט דער אויבערשטער געגעבן די כוחות, און האט עם אוועקגעשטעלט אין דעם און דעם מעמד ומצב, דארף ער וויסן זיין אז לא ברא הקב"ה דבר אחד בעולמו לבטלה,

ס'איז אבער דא ענינים וועלכע דער אויבערשטער גיט אפ צו דער בחירה פון א אידן, און זאגט עם אז מצד דעם אויבערשטן איז דאס ניט לבטלה, און דו קענסט (ח"ו) מאכן די בריאה של הקב"ה אז דאס זאל זיין ניט א ענין של תועלת, א גאנצער בלבול, היפך דעם גאנצן סדר פון סדר ההשתלשלות און ענין הבריאה,

מ'שטייט דאך אין דעם זמן פון פאר פסח, זאגט מען דאך - גאולת מצרים איז געווען אין אן אופן פון "וינצלו את מצרים" (שמות יב,לו), ווי די גמ' (ברכות ט,ב) טייטשט אפ די ביידע אופנים - "כמצודה שאין בה דגן, וכמצולה שאין בה דגים",

ד.ה. אז מ'האט אויסגענוצט דעם גלות כדי צו פועל'ן די גאולה ניט נאר אויף א טייל קדושה וואס איז דארטן געווען, ניט נאר אויפן רוב, ניט נאר אויף רובו ככולו, ס'איז אבער געבליבן איין משהו אין מצרים, זאגט די גמרא ניין - ס'איז געבליבן א "מצולה שאין בה דגים ומצודה שאין בה דגן",

- וואס -

[illegible] בלתי מוגה

וואס דערפאר איז דערנאך ארויס דער ענין, אז אפילו א משהו חמץ בפסח מאכט א טומל ובלבול און א איסור אין דעם גאנצן ענין פון פסח, ווארום גאולת מצרים איז געווען אז קיין איין און איינציגער איד אז ניט געבליבן אין גלות, און קיין איין און איינציגער משהו פון קדושה איז ניט געבליבן אין מצרים,

און דאס איז די הוראה צו יעדער אידן בעבודתו בקודש (ווארום יעדער טאג איז דאך דא דער ענין פון יציאת מצרים, סיי ביום און סיי בלילה): בשעת עס מאכט זיך א ענין של טוב וקדושה דארף ער טאן אין דעם בשלימותו, און אויסנוצן די כוחות וואס דער אויבערשטער גיט עס מיטן גאנצן שטורעם,

און דעמאלט איז א זיכערע זאך אז ס'וועט זיין "יגעת" - וועט זיין "ומצאת" (מגילה י,ב), אין א אופן פון מציאה וואס איז נאך מערער ווי לויט זיין יגיעה, נאר עס וועט זיין נאך מער הצלחה - למעלה מדרך הטבע,

און דאס ווערט די הכנה קרובה צו "מצאתי דוד עבדי", ווי די גמרא זאגט אין סנהדרין אז דאס גייט אויף משיח'ן, אז דער אויבערשטער געפינט עס אלס מציאה, און אידן געפינען אים אלס מציאה, ווארום משיח בא בהיסח הדעת (ראה סנה' צג,א), און ער געפינט יעדער אידן, וואו דער איד געפינט זיך ניט אין גלות, און נעמט עס ארויס לאחד אחד בית ישראל, בגאולה האמיתית והשלימה, ובקרוב ממש.

ד. מאמר ד"ה בכל דור ודור חייב אדם גו'.

ה. אזוי ווי ס'איז בימות החול, און א יום מלאכה, קאן מען דאך ניט מאריך זיין, דארף מען ריידן עכ"פ נקודות בקיצור, וועט מען אויך ריידן א סיום, עכ"פ בקיצור,

ובהמשך להאמור לעיל בנוגע צו שואלין ודורשין בהל' החג שלשים יום קודם החג, משא"כ אין סיום פון מסכת מגילה זאגט ער אז משה תיקן להם לישראל שיהו שואלין ודורשין בענינו של יום, אין דעם טאג פון יו"ט גופא, און איז דאס נאך מדגיש - "הל' פסח בפסח, והל' עצרת בעצרת, והל' חג בחג",

פארענטפערט דאך דער אלטער רבי בשולחנו הזהב והטהור (אין די מנהגים פון חודש ניסן), אז די הלכות וואס זיינען מכשירי מצוה - הכנות צום חג, איז דאך זעלבסטפארשטענדליך אז מ'דארף זיי וויסן איידער עס הויבט זיך אן פסח, ווארום דאס איז דאך נוגע צו דעם צוגרייטן פאר פסח, משא"כ דער ענין פון "הל' החג בחג", איז דאס די הלכות וואס זיינען נוגע אין דעם טאג גופא

וואס הגם אז דער שואלין ודורשין כו' שלשים יום איז דאך אויך "בהל' החג" - מצות וואס זיינען אין חג, צי דאס איז ווי ער הויבט גלייך אן אז בזמן שביהמ"ק הי' קיים זיינען געווען די קרבנות וואס א איד האט געדארפט ברענגען יו"ט; ועד"ז די הכנות אין פסח און אין מרור; ביעור חמץ; וכו', וואס די אלע ענינים זיינען דאך פארבונדן מיטן חג, אדער מיטן "ביום הראשון תשביתו

- וגו' -

הנחת הת' בלתי מוגה

וגו'", וואס דאס ווערט אנגערופן דער יום הראשון פון חג,

איז דאך דאס אבער די הכנה צו די ענינים ההג, און די הכנה איז א הכנה רבה, וואס דערפאר גיט מען אויף דערויף אפ א גאנצע חדש.

וואס די נקודה, ווערט א נקודה כללית, וואס מצד דעם חילוק גיין די נקודה כללית וועט ארויסקומען כמה חילוקים בדין,

בשעה מ'זאגט אז שלשים יום לפני החג דארף מען זיך עוסק זיין בהל' החג, - און עס איז פארשטאנדיק פארוואס - דערפאר וואס מען דארף זיך צוגרייטן,

איז דא ווערט די שאלה: צי נאך די תקנה פון שואלין ודורשין שלשים יום לפני החג, ווערט דאס א ענין בפ"ע; אדער דאס איז מער-ניט ווי א הכנה צו דעם חג וואס קומט לאח"ז.

די שאלה איז דאך דא בכל שנה ושנה, ס'האט אבער א חשיבות מיוחדת און כמה נפקא מיני' בנוגע להלכה בפועל לפי קביעות ש.ז.

וואס קביעות שנה זו איז דאך, אז ערב פסח איז חל בשבת, וואס דערפאר איז דאך דא ענינים וואס אזוי וואלט מען דאס געדארפט טאן בערב פסח ממש, ומצד דעם קביעות טוט מען דאס אין ימים שלפני זה - מכירת חמץ, בדיקת חמץ, וכו',

ביז אויך דער ענין פון תענית בכורים, וואס דאס דארף דאך זיין בערב פסח, און מצד קביעות ש.ז. לייגט מען דאס אפ אויף דאנערשטאג לפני זה, און רובם ככולם זיינען דאך יוצא מיט א סיום, איז דער סיום מאכט מען אויך דאנערשטאג,

און דא ווערט גלייך די שאלה: ווי איז דער דין ביי איינעם וואס האט (מאיזה סיבה שתהי') ניט געמאכט דעם סיום דאנערשטאג, און (מאיזה סיבה שתהי') האט אויך ניט געפאסט (מצד שכחה, אונס, צי וואס עס זאל נאר זיין)?

אויב מ'זאל זאגן אז דאס ווערט לאחרי התקנה א ענין בפ"ע, איז פארלארן, ואין לו תקנה; אויב מ'זאל אבער זאגן אז דאס איז מערניט ווי א הכנה צו ער"פ, דארף ער מאכן א סיום שבת (פאסטן טאר מען ניט שבת, אבער א סיום מעג מען דאך מאכן).

דערביי ווערט נאך א שאלה (לחידודי): פארוואס האט מען ניט מתקן געווען אז ערב פסח שחל להיות בשבת זאלן אלע בכורים מאכן א סיום?

ווארום דעמאלט דארף מען ניט דוחה זיין דעם תענית צו יום ה', וואס דאס איז צוויי טעג פאר דעם זמן וואס הכה בכורי מצרים און פסח על בתי בנ"י; וואס דאס איז דאך געווען ביום השבת,

משא"כ אויב די בכורים וועלן מאכן א סיום בשבת, וועט די ביום השבת גופא אפצייכנען דער פסח על בתינו ואת בכורי ישראל הציל?

עד"ז איז אין די שאלה דא נאך פרטים: אויב ער האט (מאיזה סיבה שתהי') ניט געקאנט פאסטן ביום ה', צי האט אן ארט אז ער זאל פאסטן (אדער עכ"פ מאכן א סיום) פרייטאג?

-- ג'וי'ב --

הנחת הת' בלתי מוגה

אויב דאס ווערט א ענין בפ"ע אז מען האט דאס אפגעלייגט אויף יום ה', איז דאס א ענין פון יום ה'. אמת טאקע - דער טעם פארוואס ער פאסט ניט פרייטאג איז מפני כבוד שבת, אבער לאחרי וואס מ'האט אנגענומען דעם טעם איז דאס געווארן א ענין בפ"ע, איז דאס דא ביום ה', ניט פרייטאג און ניט שבת;

אויב מ'זאגט אבער אז דאס איז א תשלומין אדער א חילוף לתמורה וכו', איז אויב ער האט ניט געקאנט פאסטן ביום ה' דארף ער פאסטן פרייטאג.

נאכמער: אפי' אויב ער האט געמאכט א סיום ביום ה', ובמילא זיך משתתף געווען אין א סעודת מצוה, פארוואס זאל ער דערנאך ניט פאסטן פרייטאג,

כבוד שבת באווארנט מען אויב ס'איז דא אן אנדער ברירה (בשעת דאס איז א נדחה); אבער אויב ס'איז ניטא קיין אנדער ברירה, ווארום יום ה' איז שוין אוועקגעגאנגען, און שבת טאר ער ניט פאסטן, דארף ער נאכאמאל מאכן א סיום פרייטאג?

און מ'זעט דאך מנהג ישראל אז מען מאכט א סיום ביום ה' און דערמיט איז מען יוצא.

ס'איז דא נאך א ענין, וואס דאס איז אויך פארבונדן מיט קביעות שנה זו: בשעת די קביעות איז אז ערב פסח חל בשבת, איז דער פורים פון ערים מוקפות חומה (ט"ו אדר) חל בשבת,

- ווארום די טעג צווישן פורים און פסח זיינען אלעמאל געמאכט געווארן בשוה (כדי עס זאלן ניט זיין קיינע בלבולים אנקעגן חמץ וכו'), איז אדר (הסמוך לניסן) אלעמאל א חסר, ובמילא איז די קביעות פון ער"פ די זעלבע קביעות ווי חמשה עשר באדר, איז אויב ער"פ איז בשבת איז דער פורים פון ערים מוקפות חומה אויך בשבת -

וואס יעמאלט פראוועט מען (אין ערים מוקפות חומה) "פורים משולש", ווארום מ'טאר דאך ניט לייענען די מגילה בשבת, איז מען דאס מקדים צו י"ד (פרייטאג), סעודת פורים מאכט מען זונטאג, וכו', (ווי די שקו"ט בזה אין אחרונים),

און דא ווערט די שאלה: א קטן שנתגדל בחמשה עשר באדר, וואס געפינט זיך אין א עיר מוקפת חומה, צי דארף ער הערן די מגילה בי"ד?

לכאורה, וויבאלד ער איז דעמאלט א קטן, איז ער ניט שייך צו קיינע ענינים; אבער וויבאלד אז די חכמים האבן מתקן געווען אז מקרא מגילה זאל זיין בי"ד, און אפי' נאך די תקנה איז דאס געבליבן א תשלומין צו חמשה עשר, און בחמשה עשר וועט ער זיין א מחוייב במצוות, איז במילא אויף עם חל די תקנה,

- אזוי ווי א קטן שנתגדל איז בדרך ממילא מחויב לערנען די הלכות המצות - ווי אזוי מ'דארף לייגן תפילין, לייענען ק"ש, וכו' - אין דעם יום שלפני הבר מצוה, ווארום אויב ער וועט לאזן דעם לימוד ההלכות ביז ער וועט ווערן י"ג שנה ויום אחד, וועט ער זיי ניט קענען מקיים זיין, ווארום ער האט זיך ניט צוגעגרייט פריער -

- לאידך -

הנחת הת' בלתי מוגה

לאידך גיסא, איז לכאורה ניט שייך צו זאגן אז ס'איז דא א חיוב אויף א קטן, אבער במה דברים אמורים - בנוגע צו היובים מן התורה, וואס דאס איז א דבר ברור אז ס'איז ניטא קיינע חיובים מה"ת אויף א קטן, מדרבנן איז דאך אבער יע פאראן כמה חיובים אויף א קטן, איז וויבאלד אז די תקנה פון מקדימין לי"ד איז א תקנה דרבנן, האט אן ארט צו זאגן אז א קטן דארף הערן די מגילה מדרבנן.

- ובכלל איז דאך מקרא מגילה אפילו פאר א גדול אויך מערניט ווי א מצוה מדברי סופרים, מיט א ברכה וכו' מיט די אלע פרטים שבדבר -

עד"ז איז די שאלה פארקערט: בנוגע צו תענית בכורים ווערט דאך אראפגעבראכט דער מנהג, אז דער פאטער פאסט פארן זון בשעת ער איז א קטן. בד"א - ווען אויך דער קטן וואלט געווען א גדול וואלט ער געווען מחוייב צו פאסטן.

איז איצטער ווערט די שאלה: אויב דער קטן ווערט א גדול בערב פסח שחל להיות בשבת, וואס דעמאלט לייגט זיך אויף עם דער חיוב צו פאסטן תענית בכורים בשבת, וביום ה' איז קיין חוב ניטא, קומט דער פאטער צוגיין צום רב און פרעגט צי ער זאל פאסטן פארן בכור,

וואס ס'איז ניט שייך צו זאגן אז דער פאטער זאל פאסטן ביום ה', ווארום דער יום ה' איז דאך נאר מצד דעם שבת, און שבת וועט דאך דער קטן ווערן א גדול, ובגדלותו (ביום השבת) איז ניטא דער חיוב אז דער פאטער זאל פאר אים פאסטן ביום ה',

וועט אויסקומען א מאדנע דין: אויב דער קטן ווערט א גדול נאך שבת, וועט דער פאטער פאסטן ביום ה', און אויב ער ווערט א גדול בשבת, וועט מען אים באפרייען פון פאסטן ביום ה',

לכאורה קאן מען וועלן אפלערנען ביי אלע דיבים פון דעם שקו"ט הידוע בנוגע צו פסח שני, וואס עס איז דא די פלוגתא אין גמרא בנוגע א גר שנתגייר אדער א קטן שנתגדל בין פסח ראשון לפסח שני,

איז עד"ז אויך בנוגע צו גר שנתגייר אדער א קטן שנתגדל אין פורים משולש, (צי דאס איז ביום ראשון - בנוגע להסעודה און מתנות לאביונים (אדער משלוח מנות - ווי די שקו"ט באחרונים)) ועד"ז בנוגע צו תענית בכורים אדער מכירת חמץ וכו' כנ"ל,

די נפק"מ איז אבער, אז פסח ראשון און פסח שני זיינען מצוות <u>מן התורה</u>, ובנוגע צו תורה זאגט די גמרא אין זבחים (מח,ב) אז ס'איז ניטא בכל התורה כולה אז א טפל זאל זיין מער חמור ווי דער עיקר, און פסח שני איז זיכער א טפל צו פסח ראשון, (אפי' מ'וועט זאגן אז דאס איז ניט קיין תשלומין, איז דאס אבער זיכער א טפל), קאן מען ניט זאגן אז עס זאל זיין חמור מהעיקר,

בנוגע אבער צו א תקנה דרבנן, איז ידוע די שקו"ט אין אחרונים בנוגע צו א ענין דרבנן, ובמדובר כמה פעמים בנוגע דעם דין פון פסים (ברעטער) וואס זיינען רחב ד' טפחים, וואס

- מ'טאר -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

ב׳סאר מיט זיי ניט דעקן קיין סוכה, ווארום דאס איז דומה לבנין (אפי׳ אויב ער מאכט א דירת עראי),

איז דא ווערט די שאלה: אויב מצד א׳ זיינען זיי רחב ד׳ טפחים ומצד השני זיינען זיי רחב א סך ווייניקער, צי מעג ער היינט זיי דעקן די סוכה, און ער וועט זיי לייגן ניט אויף די זייט וואס איז רחב ד׳ טפחים, נאר אויפן זייט וואס איז א סאך ווייניקער - רחב אצבע, טפח א׳, וכו׳?

אויב מ׳זאל זאגן אז נאך דערויף ווען ס׳איז דא דער טעם איז דאס געווארן "פסי ברזל" (ווי עס שטייט דער לשון אויף דעם), איז ביי פסי ברזל קיין נפק"מ ניט אויף וועלכע זייט מ׳לייגט זיי;

אויב מ׳זאל אבער זאגן אז דערמיט איז דאס ניט געווארן א ענין בפ"ע, און ס׳איז מערניט מצד דעם טעם - אפי׳ לאחרי האיסור, איז דעמאלט טאר מען זיי ניט לייגן פון דער זייט וואס איז ד׳ טפחים; מען מעג זיי אבער לייגן אויף די זייט וואס איז ווייניקער פון ד׳ טפחים,

בד"א - אין ענינים דרבנן - תענית בכורות; מקרא מגילה; מתנות לאביונים; משלוח מנות; וכנ"ל בנוגע צו פורים משולש לפי קביעות שנה זו,

און דאס איז אויך בנוגע דאס וואס עס הויבט זיך אן מסכת מגילה, "מגילה נקראת בי"א בי"ב בי"ג בי"ד בט"ו, לא פחות ולא יותר", וואס דאס איז מצד דערויף וואס "כפרים מקדימין ליום הכניסה",

און דאן ווערט די שאלה: א קטן שנתגדל אין א כפר, וואס מצד דעם כפר האט ער געדארפט לייענען בי"א, ער ווערט אבער א גדול ערשט נאך דערויף (אויף מארגען, אדער איבער מארגען, אדער בי"ד), צי ער איז מחוייב צו לייענען בי"א - הגם אז ער איז יעמאלט א קטן - ווייבאלד אז בי"א ווייסט מען שוין אז בי"ד וועט ער ווערן א גדול; אדער דאס איז א ענין בפ"ע, און ער איז דאך דעמאלט א קטן, איז ער פון דערויף באפרייט,

וואס לפי אופן הא׳ וועט אויסקומען א חידוש גדול: ס׳איז דא א מציאות פון א קטן וואס ער זאל זיין מחוייב אין מקרא מגילה, וואס דאס איז - אויב ער געפינט זיך אין א כפר און ער ווערט א גדול בי"ד, (אדער בט"ו - אויב ער געפינט זיך אין א עיר מוקפת חומה),

עד"ז איז דא די גאנצע שאלה בנוגע צו מכשירי מצוה,

און דאס איז אויך נוגע צו א גר, וואס ברגע שנתגייר (כהלכה) ווערט ער מחוייב בכל התורה כולה, דארף ער וויסן ווי דאס צו מקיים זיין,

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז אע"פ וואס עכו"ם שלמד תורה איז חייב היפך החיים, איז אויב מ׳ווייסט אז ער גייט זיך מגייר זיין, איז ניט נאר וואס ער <u>מעג</u> לערנען תורה, נאר ער <u>מוז</u> לערנען תורה, כדי ער זאל וויסן ווי צו פירן זיך ברגע שנתגייר,

- וואס -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

וואס דאס איז אויך דער היגיון אויף דעם וואס רות האט געזאגט "באשר תלכי אלך", און"אלקיך אלקי" מיט די אלע פרטים, דלכאורה – פון וואנעט האט זי געוואוסט די אלע ענינים? דאס איז דאך ניט פון די שבע מצות בני נח, האט זי דאס ניט געטארט לערנען?

און זי איז דאך געווען א כשירה, וואס סופה מוכיח על תחלתה, אז דערנאך איז זי געווען א גר צדק און דערנאך איז פון דעם געווארן דער שלשלת פון דוד המלך, איז דאך דערפון פאר-שטאנדיק אז זי האט געלערנט בהיתר וועגן תחום שבת און וועגן די אלע פרטים ווי רש"י ברענגט זיי אראפ.

וואס איז געווען אין דערויף דער היתר – עס איז דאך עכו"ם שלמד תורה (ניט אין די ז' מצות דידהו) וכו'? נאר זי האט שוין דעמאלט מחליט געווען אז "אלקיך אלקי", ובמילא האט זי ניט נאר געמעגט, נאר זי האט דאס <u>געדארפט</u> לערנען, אע"פ וואס דאס איז מכשירי מצוה.

וואס דאס איז אויך א הסבר פארוואס ר"א האלט אז מה"ת איז מכשירי מצוה דוחה שבת, דלכאורה – וואס איז אויף דערויף דער הסברה? ס'איז טאקע דא אויף דערויף א לימוד, אבער וואס איז די הסברה בדבר?

איז די סברא בפשטות: תורה ווייסט אז בשעת מען דארף האבן מצות בפסח, איז ניט דער פשט אז מ'דארף דעמאלט ארויס גיין קוצר זיין חטים, ווארום דאס טאר מען ניט טאן בפסח, ובפרט נאך אז נאך די קצירה דארף זיין די טחינה ולישה ואפי' מיט אלע פרטים, ובפרט נאך אז פאר די קצירה דארף זיין זריעה, וואס דארף נעמען י"ב יום מיט די אלע שיעורים שבדבר.

איז בשעת תורה האט אנגעזאגט די מצוה, איז דאס אין זיך כולל דער ציווי אויף מכשירי מצוה, וואס דאס איז די הסברה פון ר' אליעזר: וויבאלד אז די מצוה איז דוחה שבת, איז די מצוה אין זיך כולל די מכשירי מצוה, ווארום אי אפשר בלא"ה.

אדער נאך מערער: וויבאלד דאס איז א טייל דערפון, איז אפי' אויב דאס איז אפשר איז דא אויך א טייל פון דער מצוה.

וואס דאס איז אויך דער קשר מיט תחלת המסכת, וואס עס הויבט זיך אן "מגילה נקראת בי"א בי"ב בי"ג בי"ד בט"ו לא פחות ולא יותר", וואס דאס באווייזט דאך אז אין די מגילה איז דא ביידע ענינים – דער ענין וואס דאס איז מכשירי <u>והכנה</u> צו דער מגילה – "מקדימים ליום הכניסה" (אע"פ וואס כמה מצות פון פורים זיינען אויך דא בני הכפרים מקיים בי"ד, און ס'איז דערניט וואס <u>מגילה</u> נקראת בי"א כו', משא"כ מתנות לאביונים ועאכו"כ משלוח מנות); און ס'איז דא דער ענין פון קריאת המגילה בי"ד ובט"ו עצמן.

וואס דאס איז אויך דער קשר מיטן סיום המסכת, אז ס'איז טאקע דא דער "הלכות החג בחג", מ'זאגט דאך אבער אויף דערויף דער לשון "<u>שואלין</u> ודורשין", איז מזה גופא פארשטאנדיק אז דער "שואלין כו' <u>בחג</u>" איז שייך נאר אויף די הלכות וואס זיי זיינען

– בחג –

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

חג עצמו, וואָרום אויף די הלכות פון ערב חג קאָן דאָך נים זיין רער "שואלין בחג", וואָרום דעמאָלט איז ער שואל שלא כהלכה,

– וכידוע איינע פון די פירושים אין "שואלין ודורשין בהלכות החג בחג", אז אזוי ווי ס׳איז דא דער דין אז בשעת צוויי תלמידים קומען פרעגן א שאלה, דארף מען ענטפערן דעם וואס איז שואל כהלכה, איז אויב עס קומען צוויי תלמידים, און איינער פרעגט הל׳ החג בחג, און איינער פרעגט וועגן הל׳ ערב החג בחג, דארף מען ענטפערן דעם וואס איז שואל כהלכה.–

וואס בשעת מ׳זאגט "שואלין ודורשין בהל׳ החג בחג", איז דאס גופא מדגיש אז ס׳איז דא דער שואלין אויך לפני החג,

וואס דאס איז דער קישור צו תחלת המסכת, וואָרום אין מגילה געפינט מען אויך די צוויי ענינים: ווי דאס איז "בחג" – בי"ד בט"ו; און ווי ס׳איז נקראת בי"א בי"ב בי"ג, און איןביידע ענינים איז אויך דא די חקירה האמורה: צי לאחרי התקנה ווערט דאס א ענין בפ"ע וכנ"ל,

וויבאלד אז מען רעדט שוין וועגן גרים, וואס ביי זיי איז דא דער פסק דין ברור, ע"ד ווי מ׳געפינט ביי רות׳ן אז זי האט געלערנט די הלכות פון תחום שבת – "באשר תלכי אלך", נאך קודם הגירות, והא ראי׳ – אז איידער זי זאגט "אלקיך אלקי", זאגט זי שוין "באשר תלכי אלך",

וואס דעפאר איז כאן המקום להעיר, ובפרט לשלול, טאמער וועט מען נים דערמאנען איז א סימן אז ס׳איז עפעס דא א שינוי: איז ניטא ח"ו קיינע שינוים אין תורת ה׳, שדבר ה׳ זו הלכה, אז גירות מוז זיין כהלכה,

ובפרט נאך איצטער וואס מ׳זעט במוחש ווי דער נסיון איז געווארן נאך קלענער, אז פריער איז געווען פיר צי פינף צי זעקס מענטשן וואס זיי זיינען געווען צוגעקלעפט צו די ביינקלאך, און ס׳איז זיי געווען כדאי מותר זיין ר"ל אויף קיום המחיצה וההבדלה שבין ישראל לעמים, און מותר זיין על כל הקדוש לישראל, איינשטעלן אין סכנה ח"ו דעם בטחון פון דריי מיט א האלבע מיליאן אידן וואס געפינען זיך דארטן דורך אריינלאזן גוים שלא נתגירו כהלכה היל"ת, מערניט וואס זיי האבן באצאלט א פאר דאלאר, און אפווישן די אלע מעגלעכקייטן ווי מ׳זאל קאנען וויסן צי ס׳איז א גוי, צי נים א גוי, במילא טענה׳ט ער אז מ׳קאן אים צולאזן בכל מקום שהוא,

איז פריער איז געווען דער נסיון בשעת ס׳איז געווען פיר צי פינף מענטשן וואס ער האט עכ"פ געזען אז ער האט נאך אימיצן, צי נאך צוויי, צי נאך דריי, צי נאך פיר, וואס זיינען אויך צוגעקלעפט צום ביינקל, און זיי קאנען זיך נים פאנאנדער שיידן מיטן ביינקל, אע"פ וואס ער זעט בעיני בשר אז ס׳איז א סכנה פאר עם ישראל, פאר תורת ישראל, כביכול, און פאר דער אמונה אין אלקי ישראל, ביז אז עס ווערט א סכנה פאר זיין אייגענע משפחה ח"ו היל"ת, פאר זיינע אייניקלעך, און אור אייניקלאך – מיט וועמען זיי וועלן חתונה האבן, צוויק א יאר ארום צי אין

- צווייי - נחת הת׳ בלתי מוגה

צוויי יאר ארום, צי א דור ארום, צו דאס וועט זיין א גויע ר"ל אדער עס וועט זיין א אידיש קינד,

ס'איז אבער אלץ געווען כדאי אבי ער זאל האבן דעם כתרא דמוקרא, דעם כבוד המדומה, דער כבוד הבזוי, צו זיצן אויף א ביינקל וואס ער קויפט אפ דורך פארקויפן ר"ל תורת ישראל, עם ישראל, וכל הקדוש בישראל,

איז איצטער איז געווארן דער נסיון נאך לייכטער, פון די פיר פינף איז געבליבן מערגיס ווי צוויי, וואס לכאורה איז דאך א דבר הפשוט, דו זעסט אז דיינע חברים גופא זיינען אויך געווען צוגעקלעפט צום ביינקל, האט זיי דער אויבערשטער געהאלפן און זיי זיינען ארויסגעקראכן ר"ל פון דער בלאטע, פון דעם כבוד המדומה, פון ר"ל די פעולה וואס גראבט אונטער דער קיום פון עם ישראל און תורת ישראל, מיט א גושפנקא פון תורת ישראל, פון פרומקייט, איז געבליבן מערגיס ווי צוויי ר"ל, און די צוויי אנשטאט זיי זאלן טראכטן וועגן תשובה טאן, (וואס אלע זען שוין. וואס זיי טוען און זיי אליין זען דאס, און זייערע קינדער זען דאס), און זיי שעמען זיך נים אפדרוקן אין צייטונג אז מ'זאל וויסן זיין אז מי שפרע מיטן גאנצן סיום,

איך האב זיך אויסגעהיט די גאנצע צייט נים מסיים זיין דעם מאמרז"ל, ער האט זיך נים געשעמט און האט אפגעדרוקט מיטן גאנצן סיום, וועגן זיין אייגענעם פאטער, און דאס האט געהאלפן דעם פאטער אז מ'האט אים דערוויילע ארויסגעצויגען פון דעם ענין,

און אט די צוויי קאנען זיך נים אפרייסן, און זיי ווייסן וועגן דעם מי שפרע, און האבן דאס געלייענט אין צייטונג, און זען אז זיי זיינען געבליבן צוויי יחידים, איז אין וואס ליגן זיי איצטער, מ'לויפט ארום אדן מ'זוכט אפשר וועט מען קאנען מוסיף זיין מדיח זיין די וואס האבן חרטה געהאט און האבן זיך אפגעזאגט פונעם ביינקל, אז זיי זאלן זיך צוריק קלעפן צום ביינקל, אויפן חשבון פון פארקויפן דריי מיט א האלבע מיליאן אידן, מיט זייער בטחון לגבי מחיצה המבדלת בין ישראל לעמים,

און טאמער וועלן זיי דאס נים קאנען פועל'ן בא דעם, וועלן זיי געפינען א פרישן איד וואס ער האט נאך נים פארזוכט דעם טעם פון א ביינקל, און מ'זעט - עס מסית ומדיח זיין ער זאל זיך זעצן אויפן ביינקל, וויסענדיק אז דאס איז נגד דבר ה' זו הלכה, און דאס מאכט ר"ל חרוב די מחיצה בין ישראל לעמים, און דאס מאכט חרוב אין א צייט וואס מ'דארף האבן רחמי הקב"ה אז דער עם לבדד זאל זיין ישכון בטח בדד עין יעקב, ווי אזוי איז דאס אין א אופן פון בטח, אויב ס'איז בדד.צוליב זיצן אויפן ביינקל, ווילן זיי ר"ל חרוב מאכן דעם בדד,

בשעת מ'זעט אז זיי זיינען געבליבן מערגיס ווי צוויי, לויפט מען ארום, אפשר וועט מען געפינען איינציגער וועלכער מ'וועט קאנען אפקויפן מיט כבוד, קאנען אפקויפן מיט געלט, און מסית זיין און מדיח זיין ער זאל זיך אויבעט צוקלעפן צום ביינקל, און זאגן און באווייזן דעם

- מעשה -

מעשה בפועל אז ער גייט מלחמה האבן מיט דער ה' זו הלכה, מלחמה האבן מיטן אויבערשטן, מלחמה האבן מיט תורת ישראל, מלחמה ...ן תיום עם ישראל, כדי זיי זאלן זיך ניט פילן אז זיי זיינען געבליבן מערניט ווי צוויי, זאל זיין לכה"פ אדריסער ווי זיי, און סאן דאס אלץ מיט דער גושפנקא, אז אזוי ווי ער האט סמיכה אף רבנות, און ער ווייס ווי אזוי מ'קאן לייענען אן נקודות וכו', קאן ער ארויסגעבן א שטעמפל ר"ל אז דאס איז גוט עפ"י תורה,

און ויה"ר אז אזוי ווי מ'האלט דאך אין די טעג פאר ביעור חמץ, וואס ביעור חמץ איז לכאורה א ענין פון חמץ, זאגט ער אבער אין זהר אז דאס איז דער ענין פון עבודה זרה, און ווי דער אלטער רבי טייטשט אפ אז בשעת מ'איז עובר אף רצונו של הקב"ה, וואס לכאורה ווי קאן דאס זיין, ס'איז דאך רצונו של הקב"ה, איז ווי קאן ער עובר זיין סאן ניט ווי רצונו של הקב"ה, איז דאס דערפאר וואס אין דער רגע איז ער עובד ע"ז, אדער ר"ל נכנס בו רוח שטות ער איז אויס מענטש, אויס בן אדם, ניט נאר אויס איד, נאר בכלל ניט קיין מהות מענטש,

און וויבאלד אז נכנס בו רוח שטות איז דעמאלט ווערט ער א עובר עבירה, ווארום לולי דעם רוח שטות איז דאס דער רצון הקב"ה, איז וואס פאר א נפק"מ, צי מלך מלכי המלכים הקב"ה זאגט עם ער זאל סאן א קליינע זאך צי א גרויסע זאך, אדרבה אויב ער קאן זיך ניט איינהאלטן אויף א קלייניקייט וויסענדיק אז מיט דעם איז ער מורד בדבר ה' זו הלכה - וואס דאס איז דאך א <u>מרידה שאין כמוה</u>! ווארום בשעת א איד איז ר"ל עובר אויף לא תגנוב איז דאס למלאות נפשו כי רעב, אדער לכה"פ ער איז א מומ: לתיאבון, אדער ער איז גאר קיין מומר אויך ניט, ווארום ס'איז למלאות נפשו כי רעב, ער איז הונגעריק ר"ל, די בני בית זיינען הונגעריק, במילא קאן ער זיך ניט איינהאלטן און ער ווערט ר"ל א גנב, ער נעמט צו בא א צווייטן צוליב דעם וואס ער קאן ניט זעזען דעם צער פון די בני בית, דא איז אבער ניטא קיין צער, ווארום ווען ער איז געבאדן געווארן איז ער ניט געזעסן אפין ביינקל, און ער האט אפגעלעבט צענדליקער יארן און האט ניט געזעסן אויפן ביינקל, און ווען ער האט געלערנט תורה איז ער ניט געזעסן אויפן ביינקל, און ווען ער האט מציל געווען אידן פון די נאצים איז ער אויך ניט געזעסן אפין ביינקל, און בשעת ער האט זיך אזועק געזעצט אויפן ביינקל האט ער פארלארן דעם גאנצן מהות פון אנושיות,

און עד כדי כך (כאמור) אז יארן נאך אנאנד אז מ'האלט מלחמה אנטקעגן דעם אויבערשטנ'ס תורה, מיט היפך האמת שאין כמו:. ווארום יעדער טאג זאגט מען פארקערט ווי מ'האט אליין געזאגט מי... א טאג פריער,

און ווי כאמור לעיל, בשעת מ'האט געזען אז אלע האבן זיך שוין אפגעטראגן, און מ'האט זיך געכאפט צום אמת אז דבר ה' זו הלכה, איז אט די צוויי ר"ל, קאנען ניט ארויסקריכן פון דעם מעמד ומצב וואו מ'געפינט זיך, און נאך מערער מ'נעמט איצטער אויף זיך דעם תפקיד אויף מסית ומדיח זיין נאך א אידן, אז

- אפשר -

<u>הנחת הה' בלתי מוגה</u>

אשר וועט ער זיך אויבעט צוקלעפן צום ביינקל אפין חשבון פון
מבטל זיין די מחיצה שבין ישראל לעמים היל"ת,

ווי געדעדט בארוכה במקום אחר אז ישועת ה' כהרף עין, און ווי ס'שטייט בנוגע יצי"מ "ביד חזקה יגרשם", וואס דאס איז ניט קיין נייעס ר"ל ס'איז שוין געווען אין ארץ מצרים, וואס עס זיינען דעמאלט געווען אידן וועלכע האבן ניט געוואלט ארויס-קריכן פון ערות הארץ - פון מצרים,

צוליב וואס דערציילט דאס חומש, גלאט רעדן אזוי אויף אידן, צוליב וואס דארף די תורה דערציילן, אז ס'זיינען געווען אזוינע אידן? נאר טאמער מען וועט טרעפן ר"ל א אידן וואס ער וויל ניט ארויסקריכן פון עדות הארץ, פון טומאת מצרים, זאל מען זיך ניט דערשרעקן אז לא הי' לעולמים, זאגט מען עס נייז!
ס'איז שוין אזוי געווען אין מצרים, נאר די נפק"מ איז; דעמאלט איז געווען קודם מתן תורה, ס'איז נאך ניט געווען קיין תורה אור, מ'האט נאר געהערט פון משה רבינו, פון עמרם'ן, פון די זקני ישראל, דעם ענין פון לימוד תורה - מעולם לא פסקה ישיבה מאבותינו, אפילו במצרים, בשעת ס'איז אבער געווען מ"ת, בקולות וברקים "וידא העם וינועו", איז"מה להלן באימה וביראה ברתת ובזיעה אף כאן באימה וביראה וברתת ובזיעה", אז ס'איז איצטער דא די נתינת התורה בכל יום, פונקט אזוי ווי ס'איז דא יצי"מ בכל יום,

זאל זיי דער אויבערשטער העלפן אז אויב עכ"פ זיי וועלן ניט וועלן ברצון הטוב, זאל זיין ביד חזקה יגדשם פון זייערע ביינקלך, און עס וועט זיין שלום על ישראל, און קירוב הלבבות פון ישראל, און עס זאל ביי זיי אויך זיין בחסד וברחמים, און זיי זאלן זיך נעמען דינען דעם אויבערשטן, ווי דער אויבערשטער וויל, ניט ח"ו ר"ל מאכן פון דעם אויבערשטן ער זאל זיי דינען, וואס דאס וואס מ'האט זיי אוועק געזעצט אויפן בענקל, איז דאס דערפאר וואס זיי גייען ארום און טענה'ן אז זיי זיינען עבדי ה', איז זיי ניצן דעם אויבערשטנס נאמען כדי מ'זאל זיי אויסקלייבן און דערנאך אוועקזעצן אויף דעם ביינקל, און אויף וואס ניצן זיי דעם אויבערשטנס נאמען כדי צו טאן פארקערט פון דבר ה' זו הלכה,

איז ויה"ר אז דאס זאל דורכגיין בדרכי נועם וברחמים ובטוב הנראה והנגלה, און עס זאל זיין דער "המבדיל בין ישראל לעמים" און "בין אור לחושך, ובין יום השבת לששת ימי המעשה", און די הבדלה בין ימי הגלות צו די ימי הגאולה, אז מ'זאל ארויס פון דעם ביטערן גלות, וואס האט ר"ל געבראכט כו"כ ענינים אויף אידן; דורך זאגן אז דאס איז אתחלתא דגאולה, די צרה פון חוק השבות, די צרה פון מיהו יהודי, די צרה פון ניתוחי מתים, די צרה פון גיוס נשים, אלץ איז דאס אתחלתא דגאולה ר"ל,

אזא מין חושך כפול ומכופל איז קיין מאל ניט געווען, מ'האט מבטל געווען די מחיצה בין ישראל לעמים, די מחיצה שבין אור לחושך, זאל זיין דער "פתח דבריך יאיר" עס זאל זיך זען דעם אור אז ס'איז דא אור און ס'איז דא חושך, און ס'איז דא

- ישראל -

<u>הנחת הת' בלתי מוגה</u>

ישראל און ס׳איז דא שבעים אומות און ס׳איז דא שבת און ס׳איז דא ששת ימי החול, און דורך דערויף אז ס׳איז דא די הבדלה, ווי די גמרא זאגט אין פסחים איז אלע הבדלות גייען צוזאמען, וועט אויך זיין דער המבדיל בין גלות לגאולה, אז מ׳וועט דערקאנען אז ס׳איז א גלות חושך כפול ומכופל, וואס ס׳איז נאך קיין מאל ניט געווען אזא מין פינסטערנעש"ל, און פון די פינסטערניש זאל זיין אתהפכא חשוכא לנהורא וכהרף עין, "ובנ"י יוצאים ביד רמה" פון דעם גלות הפרטי בא דעם אייגענעם יצה"ר - קנאה, תאוה, וכבוד וואס ר"ל - ווי די משנה איז דערנאך מסיים, וואס טוט זיך אפ מיטן אדם וואס ליגט אין דערויף, צי דער כבוד פון א ביינקל, צי די קנאה מה יאמרו הבריות, אז די בני בית און די קינדער זייערע און די פרויען זייערע זאלן זיין מכריח זיין אז מ׳זאל דאס אפטאן בהקדם הכי אפשרי מציל זיין א רגע אחת פון גלות חושך כפול ומכופל, און עס זאל זיין "ובנ"י יוצאים ביד רמה",

און אויך פון דעם גלות הכללי גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקינו, און דעמאלט וועט זיין "שואלין ודורשין בהלכות החג לפני החג", ווי דער אלטער רבי זאגט אין שו"ע, אז עיקר התקנה איז געווען כדי מ׳זאל זיך צוגרייטן וויסן די הלכות הקרבת הקרבנות, און מ׳זאל מקריב זיין די קרבנות שם "כמצות רצונך", "ונאכל שם מן הפסחים ומן הזבחים", לויט די קביעות פון דעם יאר, ומתוך שמחה וטוב לבב און אלע אידן צוזאמען וועלן מקריב זיין דעם קרבן פסח וואס דאס איז דאן דער קרבן בפרהסיא, "ובניסן עתידין להגאל", בניסן זה ממש.

ו. ס׳איז דא נאך א נקודה משותפת צווישן פורים און פסח: בנוגע צו פורים זעט מען, אז הגם אז אין מס׳ מגילה ווערן אויסגערעכנט כמה מצוות וואס זיינען פארבונדן מיט פורים, איז אבער <u>תחלת</u> המס׳ מבאר מצות קריאת המגילה, ביז וואנען אז די גאנצע מסכת נקראת על שמה - מסכת מגילה,

וכמבואר לעיל תורת הבעש"ט, אז שמו אשר יקראו לו בלה"ק גיט ארויס דעם ענין, ובפרט נאך ווי עס שטייט אין של"ה, אז דער וואס איז ניט שייך צו הבנה והשגה (מאיזה סיבה שתהי׳), וואס ברגע אדער בזמן ובמקום מסויים קאן ער ניט לערנען בהבנה והשגה, זאל ער עכ"פ זאגן די נעמען פון די תנאים ואמוראים און די מסכתות וחומשים וכו׳, וואס דאס איז אויך א ענין של קדושה,

וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק, אז די נקודה פון פורים ווערט ארויסגעגעבן דורך די מגילה, וואס דאס איז דאך אויך בפשטות: ווי אזוי ווייס מען וואס איז געווען די גזירה, און ווי אזוי ס׳איז געווען ביטול הגזירה, און ווי אזוי ס׳איז געווען דערנאך דער נס פורים, און אין וואס באשטייען די אלע ענינים פון פורים, ווייס מען דאך דורך דערויף וואס דאס איז באשריבן אין די מגילה,

ס׳איז דאך דא כמה מגילות (חמש מגילות), איז בשעת מ׳וויל אויסטיילן די מגילה לגבי די אנדערע מגילות, זאגט מען ניט אז

- דאס -

<u>הנחת הת׳ בלתי מוגה</u>

דאס איז "מגילת מרדכי", אע"פ וואס דארטן הויבט מען גאר אן פון "איש יהודי הי׳ בשושן הבירה ושמו מרדכי", און די גאנצע יחוס פון אסתר איז וואס זי איז געווען זיינע א קרובה, ביז אז מ׳איז מסיים אז מרדכי איז געווען דער משנה למלך,

ואעפ"כ - ווערט די מגילה ניט אנגערופן "מגילת מרדכי", און אויך ניט "מגילת מרדכי ואסתר", און אפי׳ ניט "מגילת אסתר ומרדכי", נאר זי ווערט אנגערופן "מגילת אסתר" (וואס אזוי ווערט זי אנגערופן אין מסכת סופרים ובכמה מקומות, ביז אין פוסקים).

די הסברה בפשטות איז, אז ווי אזוי איז געווארן די מגילה, איז דאס דורך דערויף וואס אסתר האט געבעטן "כתבוני לדורות", און וויבאלד אז זי האט זיך מוסר נפש געווען אז ס׳זאל זיין דער "כתבוני", איז דערפאר נקראת על שמה, (בדוגמא ווי תורה ווערט אנגערופן "תורת משה" - דערפאר וואס מסר נפשו עלי׳), אבער דאס גופא דארף האבן א הסבר: פארוואס האט טאקע מרדכי ניט געבעטן עס זאל זיין כתבוני לדורות, און דעמאלט וואלט דאס געהייסן "מגילת מרדכי"?

איז דאך דערפון פארשטאנדיק, אז דא איז אויך מודגש וואס נשי ובנות ישראל קאנען אויפטאן, און וואס פאר א כוחות מ׳האט זיי געגעבן, און וואס פאר א זכות זיי האבן, וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק וואס פאר א אחריות זיי האבן,

ביז וואנען אז בשעת עס רעדט זיך וועגן מרדכי; מרדכי ואסתר, און אסתר ומרדכי,

- ווארום אין דער מגילה איז דאך דא כמה סיפורים: עס זיינען דא פאסירונגען פון מרדכי אליין; פאסירונגען וואו עס זיינען געווען ביידע - אבער מרדכי איז געווען דער עיקר און אסתר איז געקומען דערנאך; פאסירונגען וואס זיי זיינען ביידע געווען אבער אסתר איז געקומען פריער און דערנאך איז געקומען מרדכי - ותאמר אסתר למלך וועגן מרדכי; און מאורעות וועגן אסתר אליין -

איז מען קובע דעם שם פון די מגילה לדורי דורות על שם פון א אידישע פרוי - אסתר,

וואס דאס באווייזט און איז מדגיש נאך אמאל דעם זכות (און צוזאמען דערמיט די אחריות) פון א אידישע פרוי, און ביז זי איז מציל דעם גאנצן אידישן פאלק, אז אויב נאר זי פירט זיך ווי ער זאגט אין מגילה - "ואת מאמר מרדכי אסתר עשה", אז א פרוי פירט זיך ווי ראש סנהדרין, ווי דער שו"ע זאגט, איז דעמאלט היינגט אין איר אפ די גאנצע אידישע פאלק,

ועד"ז בנוגע צו פסח וגאולת מצרים: עס שטייט דאך אין מדרש (במ"ר ג,ד) אז "בזכות נשים צדקניות שבאותו הדור נגאלו אבותינו ממצרים",

און די נקודה הפנימית, און דער עיקר זכות ואחריות זייערע, איז בנוגע צו דעם וואס עס שטייט אין מגילה, וואס דארט איז דא דער חידוש, אז מ׳איז מדגיש אז דער ענין המגילה

- איז -

איז אין א אופן פון "משפחה ומשפחה", און ווי מ'באווארענט "וזכרם לא יסוף מזרעם", אז די קינדער וועלן גיין אין דעם זעלבן וועג "כאשר קיים עליהם מרדכי ואסתר",

זעט מען דאך בפועל, אז דער חינוך פון קינדער - סיי אינגלאך סיי מיידלאך, הייבט אן בעיקר פון די פרוי - די עקרת הבית, און זי קאן אויפשטעלן "משפחה ומשפחה", ובמילא באווארנט זי אויך דעם "וזכרם לא יסוף מזרעם", וביחוד ווי ס'קומט אויס לפי פירוש רש"י עה"פ (כמדובר בההתוועדות הקודמת),

עד"ז בנוגע צו גלות וגאולת מצרים, זיינען אידישע פרויען ניט נתפעל געווארן פאר גזירת פרעה, און האבן געזאגט אז מ'דארף האבן און אויפשטעלן און האדעווען קינדער, ניט קוקנדיק אויף דערויף וואס פרעה זאגט, וואס די מדינה פון פרעה זאגט, און וואס דער גאנצער הנהגה ארום זיי זאגט,

זיי ווייסן אז זיי דארפן אויפשטעלן קינדער וואס זאלן גיין דערנאך אין א מדבר (א "ווילדערנעס") אבי צוצוקומען צו הר סיני אויף מקבל זיין די תורה, און גיין מיט אזא אמונה און שטארקייט, אז "וגם צידה לא עשו להם", וואס דערפון איז דאך פארשטאנדיק אז זיי האבן געהאט א מעגליכקייט צו אנגרייטן צידה, ווארום אויב ניט - וואס איז דער פלא,

נאר די אמונה איז געווען אזוי שטארק, אז בשעת אידן האבן דערהערט אז משה רבינו זאגט אז ס'וועט קומען דער קץ, און מ'גייט ארויס פון מצרים און מ'גייט מקבל זיין תורה, האבן זיי פארגעסן אויפן גאנצן ענין פון צידה - "זכרתי לך חסד נעוריך, לכתך אחרי במדבר בארץ לא זרוע",

ווער האט אויפגעשטעלט קינדער און זיי געהאדעוועט אין דעם וועג - די נשים צדקניות שבאותו הדור, וכמדובר בארוכה איז מדרש, אז זיי האבן זיך ניט גערעכנט מיט קיינע זאכן, און מיט קיינע גזירות און מיט קיינע מנהגים פון דעם מדינה, און אויפגעהאדעוועט קינדער אין א אופן וואס דערנאך האבן די קינדער גלייך ארויסגייענדיק פון מצרים - אפילו זיבעטן טאג, האבן זיי שוין געזאגט "זה קלי ואנוהו" - "מורה באצבע" אז אט דאס איז דער אויבערשטער און אט דאס איז "קלי", און "הם הכירוהו תחילה", נאך פאר "אלוקי אבי",

ביז וואנען ווי די גמרא זאגט, אז אפילו עוברים שבמעי אמם האבן אויך געזאגט שירה, וואס אין דער שירה איז "זה קלי ואנוהו", וואס דאס איז אויך א הדגשה, וואס דער עובר במעי אמו איז געווען אין אזא אופן דורך דער אפגעהיטנקייט אין טהרת המשפחה, עד"ז אויך בנוגע צו חלה און הדלקת הנרות,

און דעמאלט שטעלן זיי אויף צבאות הוי', וכימי צאתך מארם"צ, אזוי אויך אין אונזער דור, ניט רעכנענדיק זיך וואס איז געווען אייער נעכטן און וואס איז געווען נעכטן און וואס ס'איז געווען מיט א רגע פריער, און אין רגע זו ומכאן ולהבא איז אלע אידן, סיי מאנסביל און סיי פרויען, סיי גרויסע און

-- סיי --

זיי קליינע, מנער ועד זקן טף ונשים, שטעלן זיך אוועק ביום אחד, דעם "יום אחד להוי׳", אז "לא אור ולא חושך", מערניט ווי אלקות אליין, דערזעט מען געטליכקייט אין גלות, וואס אזוי דערציעט מען די קינדער און מ׳שטעלט אוועק די גאנצע הויז,

און עס ווערן די צבאות הוי׳, בחים בישראל, "ויעש להם בתים" בא יעדערן, ווערט דאס אויך א הקדמה צו "בתי מלוכה ובתי כהונה", אז בקרוב ממש וועט מען האבן דעם מלך מבית דוד וואס "ילחום מלחמה ה׳ וינצח, ויבנה ביהמ"ק במקומו, ויקבץ נדחי ישראל", ובתי כהונה - אז אין ביהמ"ק וועט מען מקריב זיין די "קרבנות לפניך כמצות רצונך", ובעגלא דידן.

ז. מיט א פאר יאר צוריק איז דאך געווען דער ענין פון התיסדות ע"א מוסדות, און אזוי ווי א מענטש און בפרט א איד בשעת ער ווייס אז ער דארף מאכן א חשבון ובפרט א חשבון צדק, איז דאס עם מזרז ניט נאר בנוגע צו הווי׳ נאר אויך בנוגע די הכנה צום עתיד,

וואלט געווען א דבר נכון, אז די אלע וואס האבן געטאן אין דעם זאלן אויסקלייבן איינעם פון יעדן מוסד, און ער זאל מודיע זיין בהקדם וואס איז געווארן דער מעמד ומצב פון דעם מוסד, און די וואס האבן גענומען אויף זיך מוסיף זיין בזה, פון די מוסדות הנוספים,

און זעלבסטפארשטענדליך, אז דער זכרון איז אז דערנאך זאל דאס אראפקומען פון דעם "נזכרים" אין "ונעשים", סיי אין ביסוס וחיזוק והתפשטות פון די מוסדות הקיימים, סיי (און בעיקר) אויף מעלה זיין בקודש און מוסיף זיין אין מוסדות חדשים, כדי צוצוציען נאך אידן און נייע אידן וואס האבן ביז איצטער ניט געוואוסט אז זיי זיינען בני אברהם יצחק ויעקב ובנות שרה רבקה רחל ולאה, אז אויך בא זיי זאל מען מגלה זיין ווער זיי זיינען, און אז זיי האבן א נפש וואס איז א חלק אלקה ממעל ממש, און די נפש שטייט אין א חשוקה און א כליון - "כלה שארי ולבבי", ווארום "צור לבבי וחלקי אלקים לעולם", מ׳באלעבט א אידן, מ׳מאכט אים לעבעדיק וועז מ׳רעדט מיט אים וועגן אידישקייט,

וואס דערפון איז אויך פארשטאנדיק, אז סוכ"ס איז ניט פאר וואס ער נעמט דאס אן באהבה, נאר ער בלייבט אין א דאנק לעד ולעולמי עולמים פארוואס מ׳האט אים דערציילט ווער ער איז, און אזוי שטעלט ער דערנאך אוועק די גאנצע הויז און משפחה זיינע און אזוי ערציט ער זיינע קינדער,

וואס דערצו דארף מען מסתמא אנקומען צו מוסדות חדשים, עאכו"כ וואס מ׳דארף האבן דעם ביסוס והתפשטות פון מוסדות הקיימים,

און פועל׳ן אז בקרוב ממש זאל זיין "ומלאה הארץ דעה את

הוי׳ כמים לים מכסים", וואס דעמאלט איז "לא ילמדו עוד איש את רעהו כי כולם ידעו אותי למקטנם ועד גדולם",

און דאס זאל זיין בקרוב ממש, דורך די ארבעט פון די לעצטע טעג פון גלות אויף פארשפרייטן די ליכטיקייט פון תורה און אנצינדן די ליכטלעך פון מצות אין יעדער אידישער הויז, אנהויבנדיק פון ביי זיך אין הארצן - "נר הוי׳ נשמת אדם", די הייליקע נשמה וואס יעדער איד האט, און בא זיך אין הויז, אז דאס זאל זיין א אידישע הויז, מיט א מזוזה, א סידור, א תהלים, מיט ספרים פון תושב"כ און תורה שבע"פ, מיט די כשרות פון עסען און טרינקען, און אין דעם אויפפירן זיך בכשרות, און אין דעם רעדן און אפילו טראכטן כשרות,

וועט דאס זיין יעמולט דער צבאות הוי׳, וואס מ׳וועט בקרוב גיין מקבל זיין פני משיח צדקנו, און אין אן אופן פון "ובני ישראל יוצאים ביד רמה", בקרוב ממש.

* * *

הנחת הת׳ בלתי מוגה